# פרשת וזאת הברכה - בראשית ט' - כ"ט תשרי תשפ"א לפ"ק

***יום ראשון – ערב יום הכיפורים***

אחר אמירת סליחות קיים **רבינו שליט"א** מנהג כפרות. אחר סדר הכפרות הלך לבית השחיטה ובדק את החלף, ואחר השחיטה כיסה הדם בעפר.

בשעות הצהרים קיבל **רבינו שליט"א** קהל אנ"ש להתברך לקראת יום הקדוש הממשמש ובא. אחר כך נטל ידיו לסעודת היום.

*

***יום הכיפורים***

כחצי שעה אחר זמן הדלקת הנרות עלה **רבינו שליט"א** לפני הארון הקודש לדרשת כל נדרי, ובקול מעורר ובכי דיבר בגודל קדושת הזמן, אשר ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם, והקב"ה מטהר את ישראל בטהרת השקה, ישקני מנשיקות פיהו, מגודל אהבת אב הרחמן על בנים.

**רבינו שליט"א** עורר בקול בכי על המצב הקשה שעומדים בעת הזאת, אחר שעברה עלינו שנה קשה מאוד, וכמה מאחינו בני ישראל אינם נמצאים עוד בבית המדרש, ונעדרו פתאום מהמחלה השוררת, ולא עלה בידם לעשות הכנה דרבה קודם שעזבו עולמם, על כן לא נאחר המועד, בעוד שבידינו לתקן הכל, לקבל על העתיד להשליך רוע שאור, ולבער ולהתרחק מכל דבר המקרר עבודת ה', והלא אין גם אחד בטוח שיהיה לו עוד בחייו יום הקדוש כזה, יום טהרה וכפרת עוונות.

והמשיך בדברים חוצבים לעורר על סכנת כלי הטעכנאלאגיע, אשר בכלים הללו מעביר השכינה מעצמו ומביתו ונשאר בלי שמירה. וכמו כן על מדת הצניעות במלבושים והשייטלען הארוכות, והנעשים באופן שהשערות נראות כיוצא מעור שעל הראש, ובעצם השייטלין הנעשים משער, שכמעט כולם נעשים מתקרובת עבודה זרה שאסור להמצא בבית ישראל, ויש לנו להתאמץ ביתר שאת להשרות השכינה בבתינו כי באור פני מלך חיים.

ויש להרבות בתפלה ותחנונים על הבריאות והחיים, על בני ביתו, ועל הצדיקים שבדורנו, שיהיו בריאים להנהיג את הכלל ישראל, ולהתפלל על הבנים שינצלו מפגעי הזמן. והזמן גרמא לקבל עול תורה, ובפרט במסגרת כמו **'ובהם נהגה'** ללמוד בקביעות דף או עמוד בכל יום. ולקדש השבתות בתפלה בכוונה, ובסעודות בשירות ותשבחות, אשר בימי קדם היו מתאספים אצל הצדיקים בלילות שבת, ובימינו נזנח ענין זה מאוד.

**רבינו שליט"א** פנה בדברים מיוחדים להבחורי חמד, אשר בשנה זו היה רפיון גדול בלימוד התורה עקב המצב הקשה, ונפרץ מאוד ההשתמשות בטלפונים שונים, ויש לפרוש מזה עד קצה האחרון, ולהיות חבר במסגרת 'לגדור ולשמור' שע"י קהלתינו הק' להיות פרוש מנגיעה בכלים הללו שסופן מעבירין את האדם על דעת קונו, ולנצל ימי הבחרות לתורה ועבודת ה'.

וכאשר מוציאין את התורה נבקש מהתורה 'תורה תורה התחנני בבקשה, גיי ארויף אויבן אין הימל, און זיי ממליץ אויפן כלל ישראל, און זאג פארן אייבערשטען, יודען האבן מיך ארומגענומען, מען האט מיך געקושט, יודען ווילן זיין דבוק אין מיר, עס איז נישט דא אזא שיין פאלק ווי דער כלל ישראל, עס איז נישט דא קיין אומה ולשון וואס זאל זיין ענדליך צום כלל ישראל', ונזכה לשנה טובה ומבורכת, בבני חיי ומזוני, ושלא יפגע שום מחלה בבני ישראל בכל מקומות מושבותיהם, ונכתב לשנת גאולה וישועה בביאת בן דוד.

אחר הדרשה פתח **רבינו שליט"א** את הארון הקודש, ואמרו כל הקהל הוידוי בכניסת היום, אחר כך הוציא את הספר תורה, והתחיל באמירת פסוקי אור זרוע לצדיק וכו', פלגי מים ירדו עיני וכו'.

עם סיום תפלת ערבית ואמירת שיר היחוד למד **רבינו שליט"א** משניות פרק ה' ממסכת יומא. אחר כך נכנס **רבינו שליט"א** לחדרו בבית המדרש, וכבקרת רועה עדרו עברו קהל הנוכחים לברכת הקודש אשר על ראשם יצור.

אשרי עין ראתה פרישת כהן ברשם צועק אנא השם, בעבודת היום בתפלת המוספין וסדר העבודה בהשתפכות הנפש, ותפלת נעילה ברשפי אש קודש, הלא למשמע אוזן תאבה נפשנו. אחר תפלת מעריב יצאו כל הקהל לקדש הלבנה בשמחה ובטוב לבב, כשממשיכים עוד בריקודים 'אשרי העם שככה לו' ברוב חדוה והתרגשות.

*

***יום שלישי פרשת וזאת הברכה***

בשעות אחר הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **שלמה יצחק** נ"ו בן הר"ר **ראובן יואל טובל** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב אסה** הי"ו.

*

***יום רביעי פרשת וזאת הברכה***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **יצחק קאהן** הי"ו (חתן הר"ר משה יודא הירש הי"ו). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**אין** די הייליגע טעג ביי די תפלות ראש השנה און יום הקדוש, רעכנט מען אויס א מליצה, פארוואס מען פאלט אדורך מיט א עבירה. מען זאגט, אדם יסודו מעפר וסופו לעפר, בנפשו יביא לחמו, משול כחרס הנשבר וגו', כי אתה הוא מלך א-ל חי וקים. דאס וואס מען זאגט וסופו לעפר, דאס צוברעכט דעם מענטש, אז מען גייט אוועק פון די וועלט. בנפשו יביא לחמו, מען דארף זיך פלאגן אויף פרנסה, אויך א מליצה. אבער דער אדם יסודו מעפר, אז זיין יסוד איז פון עפר, למאי נפקא מינה, צו עס איז יסודו מעפר אדער פון עפעס אנדערש. ווי יענער האט געזאגט, ווען עס וואלט געווען יסודו פון גאלד, און מען דארף גיין לעפר, איז ער א רחמנות, אבער טאמער ער איז נאר פון עפר, און ער גייט צו עפר, איז דאך נישט אזוי געפערליך. וואס איז די נקודה וואס מען ברענגט ארויס, אדם יסודו מעפר.

**מען** זעהט ביי די בריאה פון אדם הראשון, אלעס וואס דער אייבערשטער האט באשאפן אין די ששת ימי בראשית, האט דער אייבערשטער באשאפן מיט א דיבור בעלמא. בעשרה מאמרות נברא העולם (אבות ה-א), דער באשעפער האט געזאגט אז עס זאל זיין ערד, איז געווארן ערד. הימל, איז געווארן א הימל. אז עס זאל זיין בערג, איז געווארן בערג. ווען דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש, האט דער אייבערשטער גענומען עפר מן האדמה, און דער באשעפער האט אים אויסגעקנעטן, און ער האט געמאכט א צורה פון א מענטש, און אזוי האט ער באשאפן אדם הראשון. פארוואס האט דער אייבערשטער נישט געקענט זאגען, אז עס זאל באשאפן ווערן א מענטש? אלעס איז דאך באשאפן געווארן מיט א אמירה בעלמא. פארוואס ביי בריאת האדם, איז ער נישט באשאפן געווארן אז דער אייבערשטער האט געזאגט יהי אדם, נאר נעשה אדם, מיר גייען מאכן א מענטש. דער באשעפער האט כביכול מיט די הענט אויסגעפארעמט די צורה פון א מענטש. עס דארף האבן א ביאור פארוואס.

**צו** פארענטפערן די קשיא וועלן מיר מקדים זיין נאך א קשיא. עס שטייט אין **רמב"ם** (הל' יסודי התורה ג-ט) אז אלעס וואס דער אייבערשטער האט באשאפן, אלע מזלות אויבן אין הימל, זענען בעלי דעת. די זון, די לבנה, די כוכבים, זענען בעלי דעת, און זיי זענען מכיר את בוראם, זיי זענען מכיר דעם אייבערשטען, און זיי זאגען שירות ותשבחות פארן אייבערשטען. נישט ווי א דומם, וואס האט נישט קיין דעת, נאר זיי זענען בעלי דעת. אז די זון און די לבנה זענען בעלי דעת, איז דער טייטש אז אזוי ווי דער מענטש איז א בעל דעת, זענען זיי אויך א בעל דעת. פארוואס א מענטש זינדיגט, און די זון און די לבנה זינדיגען נישט. זיי זענען דאך אויך בעלי דעת, זיי קענען טון וואס זיי ווילן, ער פארשטייט דאך וואס ער טוט, ער איז נישט איינגעשטעלט ווי א מאשין וואס דארף גיין פון זיך אליין. א דומם זינדיגט נישט, ווייל ער איז א דומם, ער איז נישט קיין בר דעת. אבער אז די זון און די לבנה זענען בעלי דעת, פארוואס טרעפט זיך נישט אמאל, אז די זון זאל נישט ארויסקומען, אדער די זון זאל משנה זיין פון וואס דער אייבערשטער האט געהייסן.

**איך** מיין אז איין קשיא פארענטפערט די צווייטע קשיא. די זון און די לבנה האט דער אייבערשטער באשאפן מיט א דיבור בעלמא יש מאין, עס איז נישט געווען גארנישט, און דער באשעפער האט געזאגט אז עס זאל ווערן א זון. די גאנצע חיות פון דעם זון איז, דער דיבור פונעם אייבערשטען. דאס האלט אים. א זאך וואס איז באשאפן געווארן פונעם דיבור פונעם אייבערשטען, קען נישט זינדיגען, ווייל ער האלט זיך נאר אויף פונעם אייבערשטען אליין. איז די זון און די לבנה וואס זענען בעלי דעת, קענען נישט חוטא זיין, זיי האבן נישט קיין בחירה אויף חוטא צו זיין, ווייל זיי פארשטייען אזוי דעם אייבערשטען אז עס איז נישט שייך אז מען זאל זינדיגען. ווען דער

אייבערשטער וואלט באשאפן דעם מענטש אויך מיט א דיבור בעלמא, וואלט דער מענטש נישט געקענט האבן א בחירה אז ער זאל קענען טון אנדערש פונעם אייבערשטען. זיין עקזיסטענץ איז נאר א דיבור פונעם אייבערשטען, איז דאך נישט שייך אז ער זאל טון אנדערש פונעם אייבערשטען. און אזוי ווי דער אייבערשטער האט געוואלט אז א מענטש זאל האבן א בחירה, האט ער אים באשאפן פון א כלי שני, נאכדעם וואס עס איז געווארן די ערד, וואס איז שוין נתגשם געווארן פונעם דיבור פונעם אייבערשטען, פון דעם דבר גשמי האט דער אייבערשטער באשאפן נאכדעם דעם מענטש, איז ממילא האט דער מענטש יעצט א בחירה, ער האט שוין אין זיך דעם כח פונעם ערד וואס ליגט אין אים, און דאס ברענגט אים אז ער זאל קענען זינדיגען. ער האט שוין די בחירה אין זיין האנט.

**ברענגט** מען ארויס, אדם יסודו מעפר, דו האסט נישט באשאפען דעם מענטש אזוי ווי דו האסט באשאפן די גאנצע וועלט, מיט די עשרה מאמרות וואס עס איז נברא העולם, נאר דער אדם איז יסודו מעפר, ער איז נישט פונעם דיבור פונעם אייבערשטען, האסטו דאך אים מעיקרא באשאפן פון א עפר וואס איז שוין מגושם, נו וואס איז דער חידוש נאכדעם אז ער פאלט אדורך. דו האסט דאך אים באשאפן מיט אזא מעגליכקייט אז ער זאל אדורכפאלן. ווען עס וואלט נישט געווען יסודו מעפר, נאר עס וואלט געווען יסודו פונעם דיבור פונעם אייבערשטען, וואלט געווען א תביעה אויפן מענטש אז ער האט געזינדיגט. אבער אז עס איז יסודו מעפר, וסופו לעפר, האט ער א מליצה פארוואס ער האט געזינדיגט.

**קומט** אויס, אז יעדן מענטש וואס דער אייבערשטער האט באשאפן, איז ער שוין באשאפן געווארן פון א חומר. כדי ער זאל זיך דאך קענען האלטן בקדושה, האט דער אייבערשטער געגעבן די מצוה פון מילה, אויפן גוף פונעם מענטש, כדי דער מענטש זאל ווערן א חפץ של מצוה. און אזוי ווי ער ווערט א חפץ של מצוה, גיט עס אים א כח אז ער זאל זיך קענען האלטן בקדושה. וועגן דעם וואונטשט מען אן, כשם שנכנס לברית, אזוי ווי ער איז נכנס לברית, איז ער דאך געווארן א חפץ של מצוה, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

בשעות אחר הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של בן הר"ר **משה יוסף האפפמאנן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **חנינא פישער** הי"ו.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן **הרה"ג רבי דוד סופר שליט"א** אב"ד פאקש, שהתקיים באולם בית רחל.

*

***יום חמישי פרשת וזאת הברכה***

בשעות אחר הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **לייבוש קליין** ע"ה, ואצל משפחת הר"ר **נטע פאגעל** ע"ה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת שפיטץ שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר ישעי' שפיטץ הי"ו).

*

***ערב שבת קודש - ערב סוכות***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **אלי' קאסירער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש סאטמאר (סאוט 8 - בערי). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

*

***שבת קודש - יום א' דסוכות***

אחר התפלה שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **הלל שאלאמאן** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש פאפא.

*

***ליל ב' דסוכות***

בליל יום טוב שני התקיים שמחת בית השואבה בהסוכה הגדולה שע"י בית מדרשנו. אחר שזימרו מזמורי שיר המעלות וניגוני החג השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בעניני החג.

*

***יום שני - א' דחוה"מ סוכות***

בשעות הלילה התקיים שמחת בית השואבה בהסוכה הגדולה שע"י בית מדרשנו. אחר שזימרו מזמורי שיר המעלות וניגונים לכבוד החג, השמיע **רבינו שליט"א**

מדברותיו בעניני החג. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל וואלפין שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק').

*

***יום שלישי - ב' דחוה"מ סוכות***

אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לרגל היארצייט של זקינו **הגה"ק רבי חיים יהודא דייטש זצוק"ל** דומ"ץ מאקאווא. **רבינו שליט"א** חילק מזונות לקהל הנוכחים, וסיפר סיפורים מבעל ההילולא.

***וזה תוכן השיחה:***

**לחיים** טובים ולשלום, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, ער זאל זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע. דער זיידע זכרונו לברכה איז געווען א גרויסער תלמיד חכם. מאקאווא איז געווען א גרויסע שטאט, א חסידישע שטאט, ער איז געווען דארט דיין איבער דרייסיג יאר (משנת תרס"ג עד שנת תרח"צ). ער איז געווען א תלמיד פונעם **ערוגת הבשם זצ"ל**. דער זיידע האט נישט געהאט א שטארקע קאפ, איך האב געהערט פון ר' משה הענדלער, אז זיין טאטע ר' ברוך איז געווען פון די חשוב'סטע תלמידים פונעם ערוגת הבשם, און ער האט אים געזאגט, אז ער האט געקענט דעם זיידען אלץ בחור אין ישיבה, ער האט פלייסיג געלערנט, אבער ער איז נישט געווען א מופלג. און ער האט שפעטער געזאגט פארן ערוגת הבשם, אז ער האט אים געטראפן יארן שפעטער, און ער האט נישט דערקענט אז דאס איז דער זעלבער בחור וואס איז געווען אין די ישיבה. ער האט פלייסיג געלערנט, אז ער האט זיך אויפגעארבעט.

**דער** זיידע האט זיך געשריבן דברי תורה מיט אלע גדולי ישראל, און ער איז געפארן צו אלע רבי'ס. פונעם **סאטמארער רב ז"ל** איז דא אפשר דריי צו פיר תשובות אין דברי יואל צו אים (יו"ד סימן נז, חו"מ סימן קלה, קלו, **ובדברי יואל מכתבים** מכתב קצד). ביי אונז איז געלעגן די כתב יד פונעם סאטמארער רב [עס ליגט נאך אלץ], ווען מען האט אנגעהויבן צוזאמצונעמען די תשובות פון דברי יואל, האב איך עס אפגעטייפט, און איך האב עס אריינגעטראגן פארן רבי'ן, און עס האט אים ממש אויפגעלאכטען די צורה. און ער האט געזאגט, איך האב אזויפיל געשריבן, און איך האב דערפון גארנישט, עס איז אלעס נעלם געווארן. [איך ווייס נישט צו ער האט איבערגעלאזט פאר זיך, צו ער האט אינגאנצן נישט איבערגעלאזט פאר זיך], יעדע תשובה וואס ער האט געשריבען איז אים געווען כמוצא שלל רב. דער זיידע אין זיין ספר **באר יהודא** אויפן **חרדים**, ברענגט ער צו אויף אפאר פלעצער וואס ער האט געשריבן פארן סאטמארער רב, און וואס ער האט אים געענטפערט. ער איז נאך געווען דעמאלטס קראלי רב, צו ארשיווא רב (עיין **בבאר יהודה על החרדים** דף נו, סב, עד, קי).

*

**איך** האב געהערט פון מיין פעטער דער **קאטמונער רב ז"ל**, אז ווען ער האט ארויסגעגעבן פונעם זיידען דעם ספר **אהבת חיים** על התורה און מועדים, האט ער עס אריינגעטראגען פארן **סאטמארער רב**, [ער איז געווען א תלמיד, האט ער עס אריינגעטראגען], האט אים דער סאטמארער רב געזאגט, זאג מיר נאך א ווארט. ער האט געקענט דעם שניט פונעם סאטמארער רב אין אגדה, און ער האט געוואוסט וואס עס וועט אים כאפען, פון וועלכע שטיקל ער וועט הנאה האבן. האט ער אים נאכגעזאגט א דבר תורה אין פרשת ואתחנן. דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה (דברים ג-כו), שלא יאמרו, מען זאל נישט זאגען, הרב כמה קשה, והתלמיד כמה סרבן ומפציר, און דער אייבערשטער מאכט זיך נישט וויסענדיג, ווען ער בעהט פון אים אזויפיל תפלות. אל תוסף דבר אלי, בעהט מיך מער נישט.

**טייטשט** דער זיידע, אז עס איז דא א ווארט פונעם **קדושת לוי** (פ' שלח), ויאמר ה' סלחתי כדבריך (במדבר יד-כ), ביים חטא המרגלים האט משה רבינו ממליץ געווען אויף יודען, און ער האט געזאגט, אז עס וועט ארויסקומען א חילול ה', ואמרו הגוים וגו', מבלתי יכולת ה' להביא את העם הזה אל הארץ אשר נשבע להם (שם יד-טו). פרעגט דער הייליגער קדושת לוי, דער אייבערשטער קען מאכען אז עס זאל נישט זיין ואמרו הגוים. זאגט דער קדושת לוי, אזוי ווי משה רבינו האט שוין ארויסגעזאגט פון זיין מויל, ואמרו הגוים, האט עס מכריח געווען, אז אויב דער אייבערשטער וועט עס טון, וועט זיין יאמרו הגוים. האט דער אייבערשטער נישט געקענט צוריקציען, און ער האט מוחל געווען אויפן חטא. ויאמר ה', סלחתי כדברך, ווייל דו האסט געזאגט, אז די גוים וועלן זאגן מבלתי יכולת ה' (עיין רש"י שם). ווען דו

זאגסט נישט ואמרו הגוים, האב איך נישט קיין מורא. איך וועל מיר א עצה געבן, אז עס וועט נישט זיין ואמרו הגוים. אבער כדברך, דו האסט אזוי געזאגט.

**גיט** צו דער זיידע ז"ל, משה רבינו האט געבעטן אז ער וויל אריינגיין קיין ארץ ישראל. האט דער אייבערשטער מורא געהאט, אז משה רבינו וועט יעצט אויסנוצען די זעלבע חכמה, און ער וועט זאגען פארן אייבערשטען, דו מוזט מיך פאלגען, פארוואס, ווייל מען וועט זאגען, הרב כמה קשה והתלמיד כמה סרבן ומפציר, און דו מאכסט זיך נישט וויסענדיג. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה, זאג נישט 'שלא יאמרו הרב כמה קשה', ווייל טאמער דו וועסט זאגען שלא יאמרו הרב כמה קשה, וועל איך דיר מוזן אריינטראגען קיין ארץ ישראל. אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה, מיינט נישט אז ער זאל נישט מתפלל זיין, נאר 'דאס' זאלסטו נישט זאגען. - ער האט געקענט דעם סאטמארער רב'ס שניט, האט ער געוואוסט אז פון דעם דבר תורה וועט ער הנאה האבען.

*

**ווען** דער זיידע איז געקומען ווערן דיין אין מאקאווא, איז נאך געווען פאר **רבי משה פאראהאנד** איז געווען דארט רב. פאר רבי משה פאראהאנד איז געווען דער רב **רבי אברהם יוסף גרינוואלד** (בן הגה"ק בעל ערוגת הבשם זי"ע), און פאר רבי אברהם יוסף איז געווען דארט א רב רבי אברהם קארנפעלד. עס איז א מוסר השכל. דער רבי אברהם קארנפעלד איז געווען רב, און ער האט געהאט גרויסע רדיפות פון די בעלי בתים, [מאקאווא איז געווען א שווערע קהלה], אזוי ווייט אז ער איז נישט געקומען דאווענען אין שול, ער האט געדאווענט ביי זיך א גאנץ יאר, ווייל ער האט נישט געקענט קומען אין בית המדרש. ווען מען האט אויפגענומען דעם זיידען אלץ דיין, צו פרעגן דעם רב איז נישט געווען א הוה אמינא, נאר מען האט זיך נאך אויסגענומען מיטן דיין, אז ער טאר נישט האבן קיין שייכות מיטן רב. און דער זיידע איז געווארן דיין, און ער האט נישט געקענט ביי זיך אראפשלינגען אז עס איז דא א רב אין די שטאט, און ער קען אים נישט. איז דער זיידע ז"ל אמאל שפעט ביינאכט, ווען דער עולם איז שוין געשלאפן, און מען וועט אים נישט באמערקן, איז ער אריבערגעגאנגען צום רב אין שטוב. דער זיידע האט געזאגט, איך האב אים געטראפן זיצען און לערנען, און עס איז געווען תוארו כמלאך אלקים. און פון צער און עגמת נפש איז דער רב אוועק פון די וועלט (ביום כ"ה סיון תרס"ג, ומנו"כ בפעסט), און דעמאלטס האט מען אויפגענומען רבי אברהם יוסף פאר רב. און רבי אברהם יוסף האט אויך געהאט רדיפות, און שפעטער ווען דער ערוגת הבשם איז אוועק, האט ער איבערגעלאזט מאקאווא, און ער איז געגאנגען אויף חוסט. און נאכדעם איז ער אוועק פון חוסט אויף אונגוואר. און נאכדעם האט מען אויפגענומען רבי משה פאראהאנד, און ער האט יא געהאט מנוחה.

**עס** איז געווען א קהלה וואס עס זענען געווען פארשידענע בעלי בתים, פון גאר פשוטע, און על פי רוב די גאר פשוטע די האבן געפירט. די האבן געהאט די געלט, און די האבן האבן געזאגט די דעות. און א ערליכער רב איז נישט געווען מין במינו. דאס וואס מען האט זיך אפגעטיילט, ווען עס איז געווען די טיילונג, און די ערליכע יודען זענען געווארן עקסטער פאר זיך, דאס האט אויפגעהויבן אביסל דעם כח פונעם רב אין שטאט.

*

בשעות אחר הצהרים הגיע **הרה"ג רבי אברהם צבי פריעדמאן שליט"א** דומ"ץ גאלאנטא ובעמח"ס **אוצר הלכות**, לביקור חג אצל **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**הגרא"צ הראה לרבינו ספרו אוצר הלכות על עניני תפילה, ומדור מיוחד דינים לבעלי תפילה ואמר:** אויף א גרויס חלק פונעם דאווענען איז א בעל תפלה אחריות, עס איז תלוי אסאך אין א בעל תפלה.

**רבינו:** איר האט זוכה געווען צו מאכען זייער שיינע ספרים. עס איז אנגענומען, מען קוקט דערין.

**הגרא"צ:** זכות הרבים.

**רבינו:** איך האב געזעהן צוברענגען פונעם **שינאווער רב**, אז מוצאי ראש השנה האט ער נישט צוגעלאזט א אבל זאל צוגיין צום עמוד.

**הגרא"צ:** איך מיין אז יעדן מוצאי שבת. **רבי איציקל זצ"ל** און דער היינטיגער פשעווארסקער רבי טוט אויך אזוי, ער דאווענט אליין פארן עמוד יעדן מוצאי שבת. ער האט נישט געלאזט קיין חיובים דאווענען.

און אויך איינער וואס איז א קמצן, איך מיין אז די צוויי, אזוי שטייט עפעס.

**רבינו:** ער האט נישט געוואלט אזוי אנהייבן די וואך, און די יאר (הובא בספר י"ג **אורות** ח"א, ערך שינאווא פרק ח' שלא היה ניחא ליה שבמוצש"ק יתפלל אבל, עני, או חשוך בנים, כדי שיתחיל השבוע בסימן טוב, בש"ץ ששרוי בשמחה).

**הגרא"צ:** עס איז דא אסאך מנהגים אין דעם, ווען יא צו דאווענען, און ווען נישט.

**רבינו:** ווי אזוי מען טוט, טוט מען גוט. מען וועט אלץ טרעפן עפעס א פוסק אז ער האט גוט געטון.

**הגרא"צ:** אין סאטמאר דאווענט מען נישט אפיציעל ראש חודש. איך האב אמאל געהערט פון רבי חיים אלתר בראך, ער איז געווען א משמש און א הויז בחור אפאר יאר, אין סאטמארביים רבי'ן. געדענקט ער, אז דער **דעעש'ער רבי** פון מיאמי, [ער איז געווען א זון פון רבי יוסעלע], ווען ער איז נישט מער געדאכט געווען אין יאר, האט ער געדאווענט פארן עמוד בקביעות מיטן רבי'נס מנין, און עס איז געווען ראש חודש, און ער איז נישט צוגעגאנגען. ווען עס איז געקומען פאר הודו, און דער רבי האט געזעהן אז עס איז נישט דא א בעל תפלה, האט ער זיך ארומגעדרייט, האט ער אים געווינקען פארוואס ער גייט נישט צו. האט ער געזאגט, אז עס איז ראש חודש היינט. דער רבי האט נישט גערעדט מיט די תפלין, האט ער געזאגט אויף לשון הקודש, עד הלל אתה יכול, און ער איז צוגעגאנגען ביז הלל. – מען פירט זיך עפעס נישט אזוי אין סאטמאר.

דא דאווענט מען יא ראש חודש די אבלים? אמאל איז נישט דא קיין מנהג, און מען לאזט יעדן אזוי ווי ער טוט.

**רבינו:** סליחות איז די זעלבע שאלה.

**הגרא"צ:** אויף עשרת ימי תשובה שטייט עפעס מער וועגן עס איז ימי דין. ראש חודש לכאורה האט עס צוטון מיט הלל, ווייל א טאג וואס מען זאגט נישט קיין תחנון, איז דאך דא אסאך טעג. ל"ג בעומר, און אסאך טעג וואס איז מדינא דשלחן ערוך.

**רבינו:** אין בעלזא האט מען נישט געדאווענט די אלע טעג אויך נישט. אין בעלזא יעדע טאג וואס מען זאגט נישט קיין תחנון, האט א אבל נישט געדאווענט. אין די הייליגע טעג האט מען נישט געדאווענט פון סליחות ביז ראש חודש חשון. גאנץ חודש תשרי האט מען נישט געדאווענט פארן עמוד.

**ר' יואל פייערווערקער** (משב"ק): די רב זאגט אז ער האט אויך נישט געדאווענט די אלע טעג.

**רבינו:** ווייל איך האב געוואלט פטור זיין פון דאווענען פארן עמוד (כדי שיוכל להתפלל במתינות).

**הגרא"צ:** מען זאגט אזא ווערטל, אז עס איז א טובה פאר די נשמה אז דער אבל דאווענט פארן עמוד. יעדער האלט דאך אים פאר, צו שנעל צו שטאט, דאס אליין איז א כפרה, מחילת עונות.

**רבינו:** די גמרא (ברכות לא.) זאגט אויף רבי עקיבא, אז ווען ער האט געדאווענט מיטן ציבור האט ער געדאווענט אנדערש ווי ווען ער האט געדאווענט פאר זיך.

**הגרא"צ:** טירחא דציבורא איז א שווערע זאך, עס איז זייער א הארבע זאך. אין **פלא יועץ** (ערך שליח ציבור) און אין **שבט מוסר** (פרק לד), ביידע רעדן זיי זייער שטארק אז ווען מען דאווענט פאר א טאטע'ס נשמה, אדער פאר די מאמע, טאמער דאווענט מען שנעל, מען כאפט אפ דאס דאווענען, איז עס נישט א עליה, נאר חלילה פארקערט. עס איז באקאנט וואס דער **תניא** שרייבט אין די **אגרת הקודש** (בקונטרס אחרון בסופו), אז דאס דאווענען דארף נעמען אנדערהאלבן שעה. איך האב שוין געזאגט איין מאל, זאגט ער, און איך זאג איבער, אז מען זאל צושיקן צום עמוד נאר די וואס ארבעטן נישט, און זיי יאגן זיך נישט. - עס איז א גרויסע אחריות, די גמרא (ברכות ז.) זאגט, אז תפלה איז פון די דברים העומדים ברומו עולם.

*

**הגרא"צ הראה ספרו על הלכות מזוזה ואמר:** דאס איז א ליקוט אויף עניני הבית. איך האב זיך אליין אריבערגעצויגן לעצטענס אין א נייע דירה, און איך האב עס אביסל אדורכגעטון, מיגו דזכי לנפשיה זכי נמי לאחריני.

איך האב שוין געוואלט אריינקומען פאר פורים, און מען האט מיר געזאגט אז איך זאל צווווארטען ביז נאך ז' אדר, און נאכדעם דארף איך שוין נישט מסביר זיין וואס עס איז געווען. ב"ה מען דערלעבט עס. יעדן יום טוב מאכט מען דאך א שהחיינו, דעם יום טוב האט עס געהאט ביי א סאך יודען א אנדערע כוונה, א העכערע כוונה.

**רבינו:** א נידריגע כוונה..., געווענליך מאכט מען עס אויף די מצוה, און יעצט האט מען עס געמאכט אויף זיך.

**הגרא"צ:** עס איז דא אין **שאילת יעקב** (ח"א סימן צד בסוף התשובה), זאגט ער א הפלא'דיגע פשט אויף דעם לשון שהחיינו וקימנו. אסאך פרעגן דאך אויף די

כפילות הלשון. זאגט ער, אז עס איז דא א מחלוקת אין מסכת גיטין (כח.), צו א גוסס קען געבן א גט צו נישט. און אפילו דער וואס האלט אז מען קען, איז אויך נאר ווען ער איז בצלילות הדעת. טאמער ער איז נישט בצלילות הדעת, קען ער נישט געבן. וועגן דעם שטייט (שם) השולח גט מיט א שליח קען ער עס איבערגעבן בחזקת שהוא קיים. און ער שטעלט זיך, פארוואס שטייט נישט בחזקת שהוא חי. זאגט ער, ווייל דאס וואס ער לעבט איז נאך נישט גענוג, ער דארף זיין קיים בצלילות הדעת, ווייל אז נישט קען מען נישט איבערגעבן קיין גט. טייטשט ער מיט דעם די לשון, שהחיינו, מען לויבט דעם אייבערשטען נישט נאר אז מען לעבט, אמאל איז דא וואס א יוד דערלעבט אבער ער איז נישט ביים דעת צו לויבן. זאגט מען, שהחיינו וקימנו, מיר האבן דעם דעת אויף דעם וואס מען לעבט נאך. און והגיענו איז אויף אלעס וואס מען האט דערגרייכט פון די פאריגע מאל וואס מען האט געמאכט די ברכה, ביז יעצט. מען קען דאך נישט יעדן טאג מאכען א ברכה, ווער עס זאגט הלל בכל יום איז א מחרף ומגדף (שבת קיח:), לויבט מען אז מען האט דעם שכל צו לויבן דעם אייבערשטען אז מען לעבט.

**רבינו:** איך האב געהערט אמאל טייטשן, אז מען זאגט לברכה ולא לקללה, לחיים ולא למות. עס איז א דאפעלטער לשון, אז עס איז לחיים, איז עס ולא למות. נאכדעם, די פוסקים ברענגען צו, אז ווי עס איז דא א למ"ד מיט א פתח, איז עס לא. דער **טורי זהב** (או"ח ) ברענגט עס לגבי זכרנו לחיים (בשוא), און נישט לחיים (בפתח). און דא זאגט מען, לחיים ולא למות (בפתח), איז דאך דער טייטש נישט טויט, מען וואלט געדארפט זאגען ולא למות (בשו"א). נאר עס איז דא אמאל וואס א מענטש לעבט, אבער די טויט איז אים חשוב'ער ווי דאס לעבן. און ער לעבט אויף אזויפיל אז ער איז נישט געשטארבען, דאס איז זיין גאנצע לעבן, אז ער איז נאכנישט א טויטער. בעהט מען, אז דער אייבערשטער זאל אונז געבן לחיים, ער זאל אונז געבן אזא לעבן, אז ולא למות, נישט נאר איך בין נישט געשטארבען, נאר איך זאל לעבן טאקע. עס איז דא אמאל א חיים וואס מען לעבט אבער עס איז נאר לא מות, ער לעבט נאך, אבער ער לעבט אויף מאשינען.

**הגרא"צ:** עס איז דא די מעשה וואס מען דערציילט אויפן צאנזער רב'ס פאטער, **רבי יענקעלע זצ"ל** האט פארציילט, בשם דער **קאלאשיצער רב**, [עס איז היינט די יארצייט, ער איז אוועק אויף קידוש ה'], מיין זיידע'ס טאטע איז געווען א גרויסער חסיד פון אים, ער פלעגט כסדר רעדן פונעם קאלאשיצער רב. ווען ער האט גערעדט האט עס געקאכט אין אים. [מיין זיידע'ס טאטע איז געווען רבי משה קלאגסבאלד פון טשעבין, ער איז געווען א זון פון רבי חנה וואלף, וואס איז געווען דארט דער שוחט. זיין האבן געוואוינט אין טשעבין, און דער קאלאשיצער רב פלעגט אסאך קומען אויף טשעבין, און ער פלעגט איינשטיין ביי זיי. זיין פאטער איז געווען א שינאווער חסיד, ער איז געווען אין די זעלבע יארגאנג פון רבי יענקעלע, און פונעם **באבובער רב.** דער באבובער רב האט אויך געוואוינט אין טשעבין, דער **קדושת ציון** איז דארט געווען אפאר יאר]. האט ער געזאגט, אז אמאל איז געווען זייער קאלט, און רבי לייבוש דער פאטער פונעם צאנזער רב האט געוואלט שלאפן אין די סוכה, און ער האט נישט געהאט ווער עס זאל שלאפן מיט אים, ווייל קיינער האט נישט געוואלט שלאפן. האט ער צוגעזאגט האלב פון זיין עולם הבא פאר דער וואס וועט שלאפן מיט אים. האט זיך איינער מתנדב געווען. עס איז אדורך יארן לאנג, און ער האט שוין נישט געלעבט, און דער יוד וואס איז געשלאפן מיט אים איז קראנק געווארן, און ער איז געווען נוטה למות, און ער האט זיך גע'חלומ'ט ווי רבי לייבוש קומט אים אין חלום, און ער בעהט אז ער זאל מוותר זיין אויפן חלק אין עולם הבא, און ער וועט אים שיקן א רפואה. און דער יוד האט מסכים געווען. ער איז אויפגעשטאנען אינדערפרי און ער איז געקומען צו די כוחות, עס איז געווען א פלא ביי די דאקטורים, אבער ער איז צוריקגעקומען צו די כוחות. דער קאלאשיצער רב האט פארציילט די מעשה, און ער האט געפרעגט די חסידים וואס זענען געשטאנען ארום אים, וואס זאגט עטץ, האט ער גוט געטון, צו ער האט נישט גוט געטון? האבן זיי אלע געזאגט, עס איז א טיפשות, א מעשה נערות, אז ער האט אוועקגעגעבן די עולם הבא פאר אפאר יאר צו לעבן. האט ער געזאגט פאר זיי, שוטים וואס איר זענט, יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי עולם הבא (אבות ד-יז), דער יוד איז געבליבן לעבן, ער האט נאך געקענט טון מצות. - אז מען ווייסט וואס א מצוה מיינט, וואס א לעבן מיינט.

**רבינו:** איך האב געהערט די מעשה פונעם **קלויזענבורגער רב**, דאס גערענק איך זיכער אז ער

האט געזאגט, אז נאכדעם האט זיך דער יוד איבערגעטראכט וואס האב איך געטון, איך האב אוועקגעגעבן מיין עולם הבא כדי איך זאל קענען עסן נאך אפאר בילקעלעך אויף די וועלט. און כמדומה אז ער האט געזאגט, אז מען האט עס פארציילט פארן **צאנזער רב**, און דער צאנזער רב האט נישט רעאגירט דערויף לכאן או לכאן, צו ער האט גוט געטון אדער נישט. ער האט געשמייכלט אבער ער האט זיך נישט אנגערופן וואס דער ריכטיגער וועג איז.

**הגרא"צ:** אויפן **צאנזער רב** זאגט מען נאך, אז נאכן ערשטען קדיש האט ער געזוכט דעם טאטן, און ער האט אים נישט געטראפן אין דעם עולם וואו ער האט משער געווען אז ער דארף אים צו טרעפן. נאך זיין קדיש איז ער אזוי הויך ארויף.

**רבינו:** ער האט אים מעלה געווען.

**הגרא"צ:** ער איז אבער נישט געווען א רבי פאר חסידים.

**רבינו:** ניין, ער איז געווען אין טארניגראד.

**הגרא"צ:** ער האט געמוזט זיין א גרויסער מענטש, אז ער האט זוכה געווען צו אזא זון.

**רבינו:** איך האב אלץ בחור געלערנט אין שערי יושר, ביי הרב קאפעלמאן, דא אין בארא פארק, בעפאר ער איז געגאנגען קיין לוצערן. אייער זיידע חיים הערש (קלאגסבאלד) האט אויך געלערנט דארט, און די ישיבה האט נישט געגעבן נאר א בעט צו שלאפן, און אלעס האט מען זיך געדארפט אליין מסדר זיין. די דארמיטארי איז געווען אפאר בעטן אויפן שטאק אויבן, פאר ווער עס האט געוואלט דארט שלאפן. אבער מען האט נישט געגעבן קיין עסן. פרישטאג האט מען געדארפט אליין קויפן, און נאכטמאל האט מען געדארפט קויפן. אייער באבע און זיידע (רבי משה קלאגסבאלד וזוג') פלעגן איין מאל אין דער וואך רופן די בחורים וואס זענען געווען אין ישיבה, א זיבען אכט בחורים, וואס זענען נישט געווען פון בארא פארק, און צוגעגרייט א נאכטמאל. און איך פלעג צו עסן דארט מערערע מאל.

**הגרא"צ:** ער האט כסדר געהאט א בית וועד לחכמים, ער האט געהאט א געפיל דערפאר. ער איז געווען א גאליציאנער מיט א ברייט הארץ. ער האט געהאט השגות.

**רבינו:** דאס האט די באבע צוגעגרייט...

**הגרא"צ:** רבי יאנקעלע איז אויך ביי זיי איינגעשטאנען עטליכע מאל ווען ער איז דא געווען. די באבע פלעגט דערציילן, אז איינמאל ווען רבי יאנקעלע איז דא געווען, האט ער געהאט א צימער וואו ער איז געווען, און איין מאל אינמיטן טאג האט ער געזוכט עפעס א ספר, און זי האט אים געזאגט, אז אין בעיסמענט איז דא א שאנק מיט ספרים, און ער קען אראפגיין קוקען. איז ער אראפגעגאנגען אונטען, [רבינו: איך האב געגעסן אונטען], און ער האט געטראפן די ספרים, און ער האט ארויפגעשריגען, דא בלייב איך. און דארט איז ער געבליבען, און מען האט געדארפט אראפברענגען זיינע חפצים, און ער איז געבליבן מיטן ספרים שאנק.

**ובירכו רבינו:** דער באשעפער זאל העלפן, מען זאל האבן א פריילעכער לוסטיגער יאר, א גוטן מועד, און א גוט קוויטל, און אלעס וואס מען דארף האבן אי"ה. יישר כח פאר די מתנה.

**רבינו שליט"א מסר לו שמן ראש על חג הסוכות, ובירכו לשלום**

*

***יום רביעי - ג' דחוה"מ סוכות***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לביקור חג אצל אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**.

בתחילה הגיע **רבינו שליט"א** לבית המדרש סערדאהעלי, והתפלל שם תפלת ערבית. אחר התפילה השתתף בהריקודין שהתקיימה בבית המדרש לרגל שמחת בית השואבה, יחד עם כ"ק אחיו שליט"א, שארכה קרוב לחצי שעה. עם סיום הריקודין עבר **רבינו שליט"א** לביקור חג בסוכתו.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו** (בתגובה על מה שבקשו ממנו להכנס תחילה בפתח הבית והסוכה): איך האב געלערנט היינט די גמרא אין מסכת מגילה (כב.), אז רב און שמואל, איז רב געווען מער אנגענומען ווי שמואל, שמואל איז געווען כפוף אונטער רב. אויסער איין זאך, אז ווען מען איז אריינגעקומען ביי די טיר, רב מיט שמואל, האט רב געהייסן פאר שמואל אז ער זאל קודם אריינגיין, און שמואל איז קודם אריינגעגאנגען. רש"י זאגט, ווייל רב האט אמאל געשאלטן שמואל, האט ער אים מפייס געווען מיט דעם, אז ער האט אים מכבד געווען אריינצוגיין קודם.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** רב האט געהאט א מחלה, און שמואל האט אים געוואלט היילען (עיין בגמרא (שבת קח.) בפרטי העובדא, בסיבת קפידת רב על שמואל).

**רבינו:** עס איז משמע אין די גמרא, אז שמואל האט עס אנגענומען. אלץ ווען זיי זענען געגאנגען צוזאמען, איז שמואל אריין קודם.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** רב איז געווען עלטער פון אים.

**רבינו:** אנדערע כיבודים איז ער געווען כפוף אונטער רב.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** מען טאר נישט מכבד זיין א תלמיד במקום רב, אלא אם כן דער רב אליין איז אים מכבד (שו"ע יו"ד סימן רמ"ב סעיף כא). זעהט מען דאך פון דעם, אז עס איז דא אזא פאל אז דער רב איז מכבד אפילו א תלמיד, כל שכן פאר שמואל, זיי זענען דאך געווען שקול, הלכתא כרב באיסורא וכשמואל בדינא (בכורות מט:).

**רבינו:** פון רש"י איז משמע אז נישט אלץ זיין גרויסקייט האט ער עס אים געגעבן, נאר ווייל ער האט אים געוואלט מפייס זיין. עס איז נאך אלץ שווער צו פארשטיין, וואס איז דער פיוס אז ער האט אים געלאזט קודם אריינגיין.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ער ווייזט אים, אז ער איז אים מחשיב, און נישט כאילו ער איז אים א שונא ח"ו.

**רבינו:** און ער האט עס אנגענומען.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס קען זיין אז שמואל האט עס געמוזט אננעמען, ווייל טאמער ער נעמט עס נישט אן, וואלט טאקע אויסגעקוקט כאילו ער האט אנגעשטעלט א שטיקל פאר רב (בעובדא הנ"ל המובא במסכת שבת). יעצט זעהט מען אז רב אליין טוט אנערקענען אז ער האט געמיינט זיין טובה.

**רבינו:** ער האט עס געמוזט אננעמען, ווייל טאמער ער איז כפוף אונטער אים, מוז ער אים פאלגען.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** כל מה שיאמר לך בעל הבית עשה, חוץ מצא (פסחים פו:). כבוד מוז ער אים נישט פאלגען. עס שטייט אזוי ארויס.

**רבינו:** הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם (אבות ד-כא), דאס איז חוץ מצא[א].

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דאס איז א שיינער טייטש, אבער עס שטייט ארויס אזוי, אז כבוד איז מען נישט מחוייב.

**רבינו:** איך מיין אז עס איז צוגעברענגט אין מגן אברהם א שמועס אויף דעם (בסימן ק"ע סק"י).

*

**הגה"צ מסערדאהעלי:** איך האב היינט געזעהן געדרוקט א שמועס [**מרבינו שליט"א**] פון פאריאר סוכות מיטן **קארלסבורגער רב**, צו א אלטע יוד איז מחוייב צו גיין אין די סוכה אינמיטן די נאכט עפעס צו טרינקען, ווען ער האט נישט קיין סוכה. איך פארשטיי נישט וואס דער חומרא איז. עס איז זיכער אז ער מעג, עס איז נאר א הידור. לכתחלה איז קיינמאל נישט געווען קיין הלכה, עס איז אלעס נאר א הידור. און אז ער איז נישט געזונט, תשבו כעין תדורו, ער וואלט נישט געגאנגען צו א צווייטען אינמיטן נאכט, צו אפילו אינמיטן טאג קלאפן אויף יענעמס טיר, און טרינקען דארט א גלעזל וואסער.

**חתנו הרה"ג רבי חיים אלעזר מאנדלאוויטש שליט"א:** עס איז אפשר אזוי ווי א נדר.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס איז נישט קיין נדר. אלע חומרא'ס זענען א נדר?! זיכער אז נישט. אויב איינער איז מחמיר יעדן טאג אז ער דאווענט פון פארנט, און ער ווערט קומען איין טאג שפעט, ווערט ער נישט טארן אנהייבן ביי הודו ווייל עס איז א נדר?!, און אזוי אויך אלע אנדערע זאכען וואס א מענטש טוט, נישט אלץ א הלכה.

**הגרח"א מאנדלאוויטש:** איין מאל קען א מענטש משנה זיין (עיין **בפתחי תשובה** יו"ד סימן רי"ד סק"א).

**רבינו:** ער האט עס מעיקרא נישט מקבל געווען במקום חולי.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ער האט עס קיינמאל נישט מקבל געווען אלץ א נדר, נאר אלץ א הידור.

**רבינו:** ווען איינער האט מקבל תענית געווען, און ער איז שוואך, דארף ער נישט מתיר זיין דעם נדר, ווייל ער האט עס נישט מקבל געווען אויף אזא אופן (עיין בשו"ע יו"ד ריד-א, **ובש"ך** שם סק"ב, **ובדגול מרבבה** שם).

איך האב געזעהן צוברענגען פונעם **סטייפלער**, אז מען האט פארציילט פארן **חזון איש**, אז עס איז דא א יוד וואס גייט נישט ארויס א גאנץ סוכות פון די

---

[א] בהקדמת **הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל** לספר **ולאשר אמר** (חלק שמות) כתב וזה לשונו: סיפר לי הרה"ח מו"ה אברהם ברוך כהנא נ"י מעיר לונדאן יצ"ו (תלמיד **כ"ק אאמו"ר זצ"ל**), כי שמע ממקור נאמן שכ"ק אאמו"ר זצ"ל בנעוריו נסע פעם אחת לבקר את **כ"ק חותנו הגאון האדיר אב"ד שאמלויא זצ"ל הי"ד**, וצוה לו מו"ז ז"ל שישב בראש השלחן סמוך אצלו, והוא בענוות קדשו לא רצה לישב שם רק ישב מן הצד. ושאל לו כ"ק זקני ז"ל הלא אמרו חז"ל כל מה שיאמר לך בעל הבית עשה (פסחים פו:, זוה"ק ח"ג רמ"ד., ובשו"ע או"ח קע-ה ומג"א שם), ואני כאן הבעל הבית. והשיב לו כ"ק אאמו"ר ז"ל כי הלא סיימו שם חוץ מצא, וזה אצלי בבחינת צא, כי אמרו חז"ל הקנאה התאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם וד"ל.

סוכה, האט דער חזון איש געזאגט, אז דער יוד זיצט נישט אינעם סוכה, ער זיצט אין תפיסה. תשבו כעין תדורו, און דאס הייסט נישט קיין דירה. און דער סטייפלער אליין איז סוף ימיו געווען שוואך, און ער איז נישט געגאנגען אין ערגעץ, און סוכות איז ער געזעצן אין די סוכה, האט ער מדקדק ארויסצוגיין פון די סוכה, כדי די סוכה זאל נישט זיין א תפיסה.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אז איינער שפירט א קדושה אין די סוכה, און עס לוינט זיך אים נישט ארויסצוגיין, איז ער נישט אין א תפיסה, ער איז אין א אנגענעמע פלאץ, עס איז אים אנגענעם פיר און צוואנציג שעה. עס איז נישט דומה צו זיך אין שטוב, וואס עס איז אים טאקע נישט אנגענעם צו זיצן אין איין צימער פיר און צוואנציג שעה. די פוסקים זענען דן אין די סברא לגבי ארויסגיין פון די סוכה ווען עס קומט א רעגן.

**הגרח"א מאנדלאוויטש:** מען געפונט ביים כהן גדול אז מען האט געדארפט לייגען א מזוזה אויף די טיר, שלא יאמרו כהן גדול חבוש בבית האסורים (יומא י:).

**רבינו:** דאס האט ער געמיינט, אז מען זיצט זיבען טאג אויף איין פלאץ.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דארט האט מען נאר געמיינט סתם אזוי, מען האט אים געוואלט פורש זיין. דא זיצט ער דאך בצילא דמהימנותא, און טאמער איינער שפירט דאס, איז עס א גרויסע שמחה, א גרויסער תענוג. **רבי מרדכי'לע [מנאדבורנא]** איז נישט ארויסגעגאנגען פון די סוכה, ער האט געדאווענט דארט, און געגעסן, ער האט נישט ארויסגעטרעטן פונעם סוכה, פונעם ערשטען נאכט. ער איז געווען א אויסטערלישער מענטש, אבער מען זעהט אזא ענין.

**רבינו:** די אייניקלעך פירן זיך אויך אזוי?

**הגה"צ מסערדאהעלי** (בצחות)**:** איך ווייס נישט צו די אייניקלעך שפירן דאס וואס ער האט געשפירט...

**בנו הרה"ג רבי בערל שליט"א:** אין **חרדים** (ריש פרק סו [ה]) שטייט לגבי א בית המדרש, אז עס איז א גן עדן פאר צדיקים, און א תפיסה פאר רשעים.

**א' מהנוכחים:** דער **מישקאלצער רב** (**הגה"צ רבי יהודה גאטליעב זצ"ל**) פלעגט א גאנץ סוכות דאווענען אין די סוכה, ער פלעגט נישט ארויסגיין, ער איז אויך אוועק סוכות.

**רבינו:** דאס וואס זיי ברענגען צו פון די אנשי סוכות, איז אסאך א גרעסערע פלא, נאך סוכות צו זיצען אין די סוכה, און עס איז געשעהן א נס אז עס זאל זיי אוועקטראגען.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס איז טאקע א פלא, עס איז נישט צו פארשטיין.

**רבינו:** דאס איז טייטש אז זיי זענען געווען דבוק אין די שיירי מצוה פון סוכה.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס איז בעסער ווי קדושת בית המדרש?!. איך ווייס נאכנישט ווי דער מקור דערפון איז.

**רבינו:** דער **מונקאטשער רב** ברענגט עס צו.

**הרה"ג רבי יהושע:** אין **שער יששכר** (מאמר סוכת שלם אות ט"ז). ער ברענגט עס צו פון **רבי הערשע'לע רימנובער**[ב].

**בנו הרה"ג רבי אשר אנשיל כ"ץ שליט"א:** איך האב עס געהערט פונעם **באבוב'ער רב**, בשם זיין טאטען, אז דער **צאנזער זיידע** פלעגט צו פארציילען די מעשה יעדע יאר. ער האט געזאגט, הגם עס איז דא דערויף אסאך קשיות...

**הגרח"א מאנדלאוויטש:** דער באבוב'ער רב האט געזאגט, אז דערפאר האט מען געמאכט שמיני עצרת, ווייל אז נישט וואלט מען נישט געקענט אריינגיין פון די סוכה אריין אין שטוב, עס וואלט נישט געווען מעגליך.

**רבינו:** די אנשי סוכות האבן דאך שוין געהאט שמיני עצרת...

**הגרא"א כ"ץ:** די קדושה גייט אוועק פון די סוכה, אזוי שטייט אין הלכה בפירוש.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אז ער וועט עסן מצה א גאנץ יאר, ווייל ער קען זיך נישט אפשיידן פונעם מצה. און אז ער וועט האלטן די ד' מינים אין די הענט.

**רבינו:** מען געפונט אז די אנשי ירושלים זענען געגאנגען מיט די ד' מינים אין די הענט אין סוכות, כאטש זיי האבן שוין יוצא געווען.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דאס איז געווען אין סוכות, ווייל יעצט איז די מצוה.

**רבינו:** פארוואס זענען זיי נישט געגאנגען מיטן שופר.

---

[ב] וזה לשונו: סיפר **הרה"ק מהרצ"ה הכהן מרימנוב זי"ע** מחסידים הראשונים שהיו דבוקים כל כך באהבת מצות סוכה, והרגישו נועם אור קדושת אהבתה, עד כי באהבתה ישגו שנשבעו שלא לצאת מהסוכה לעולם, ונשבעו בנדר על דעת רבים שאין לו הפרה, וכאשר הגיע ימי החורף והקור נורא, אז מן השמים בא ענן ולקחם למדינות החמים כדי שלא יסתכנו בצער הקור והחורף בהיותם בסוכה, וקראום העולם אותו ואת משפחתו אחריו בשם 'אנשי סוכות' על שם נס זה. ושגור בפי חסידים ויראי אלקים אנשי אמת ששמעו מפה קדשו זה בכל שנה ושנה ע"כ.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** שופר איז נישט די מצוה בנטילה.

**רבינו:** דא האט ער שוין יוצא געווען זיין נטילה.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** די צדיקים וואס האבן געמאכט די נענועים א שעה, האט ער שוין אויך יוצא געווען פון ווען ער האט געמאכט דריי נענועים, פארוואס מוז ער מאכן צוואנציג נענועים.

**רבינו:** בשעת מצוה אז מען איז ממשיך, איז עס א חלק פון די מצוה. דער **מהר"ל** (גבורות ה' פרק מח) זאגט אקעגן מצה אז מען איז יוצא מיט א כזית, אבער אז מען עסט מער, איז עס אויך א מצוה. דאס איז מן הסתם אלץ חלק האכילה.

עס איז מסתבר, אז אפילו לויטן מהר"ל נאך די ניין מינוט, נאך שיעור אכילת פרס, איז מן הסתם שוין נישט דא קיין מצוה. וואס עס ווערט געוועכנט אין תאכל מצות, עס איז איין אכילה, וויפיל מען עסט דערין, איז א מצוה (ראה בספר **גבורות ה'** מהדורת 'מכון ירושלים' הערה רמ"ח שדנו בזה בארוכה מדברי הפוסקים).

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס קען זיין אז ווילאנג ער איז נישט מסיח דעת, אבער עס האט נישט מיט די עצם הלכה.

**רבינו:** אין הלכה אליין איז ער א אוכל מצות (בתוך שיעור אכילת פרס), ער איז נאר 'יוצא' פון ווען ער עסט א כזית.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** און ביי די נענועים איז ער יוצא מיט איין נענוע, און אז ער מאכט צוואנציג נענועים. עס איז די זעלבע קשיא. דער **מהר"ל מפראג** האלט, אז וויפיל מצה מען עסט, איז אלעס א מצוה.

**רבינו:** אבער עס קען זיין נאר אין שיעור אכילה, ווייל עס איז א חלק פון תאכל. שיעור אכילה זאגט נישט קיין כזית, נאר אז דו ביזט יוצא מיט א כזית. און אז דו האסט געגעסן מער, איז עס איין אכילה. דו קענסט עסן אזא שטיקל, און דו קענסט עסן א גרויסע שטיקל. אבער ווען עס האט זיך אויפגעהערט די שיעור אכילה, קען זיין אז עס האט זיך אויפגעהערט די מצוה, עס איז שוין נאך די מצוה. דו האסט געענדיגט דיין תאכל מצות. - מען ברענגט א ראיה פון תרומה, אז אפילו חטה אחת פוטרת את הכרי, וואס ער איז מוסיף איז א חלק פון די תרומה, דארט איז עס נאר אויף איין מאל, אבער שפעטער קען ער נישט (עיין **ברבינו יונה** ברכות יח: בדפי הרי"ף לענין תוספת שבת).

**הגר"ב כ"ץ:** עס שטייט אין **הגדה דברי יואל**, אז דער **סאטמארער רב** האט געגעסן די גאנצע ניין מינוט.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ער האט מורא געהאט אז ער האט נישט געגעסן א שיעור.

**רבינו:** ער האט געקוקט אויפן זייגער די גאנצע צייט וואס ער האט געגעסן די מצות.

**הרה"ג רבי יהושע:** איך האב געהערט פון מיין זיידע [**האדמו"ר ממונקאטש שליט"א**], אז פרייטאג צו נאכטס פלעגט ער אויך זיך אויסדרייען צו קוקען אויפן זייגער צו ער האט געגעסן א שיעור כזית, ווייל דער **מגן אברהם** ברענגט (סימן קס"ז סק"ז) אז מען זאל אייביג עסן די ערשטע כזית בכדי אכילת פרס, און עס איז אסאך מאל געווען נאך מער ניכר ווי ביים סדר נאכט.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ברויט איז לייכטער צו עסן א שיעור ווי מצה, מצה דארף מען צוקייען... איך האב געהערט פונעם **קלויזענבורגער רב זכותו יגן עלינו**, איך בין געווען אמאל מיטן טאטען אחרון של פסח, אין ראדני', דארט ווי עס איז היינט דער סאטמארער בית המדרש, דארט האט ער געוואוינט. האט ער געזאגט, אז **רבי הערש הכהן מרימנוב** האט אמאל געגעסן אחרון של פסח צוויי און צוואנציג מצות, איך געדענקט זיין לשון, אז עס איז געווען 'חוץ לדרך הטבע', ממש דאס איז העכער פון טבע, אבער מען זעהט אז עס איז א גרויסע ענין. און ער האט זיך אויך גענומען עסן מצה. ער האט אויפגעגעסן אפשר איין מצה...

**רבינו:** קען זיין אז עס איז געווען קליינע מצות.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אבער אפילו קליינע מצות עסן דערפון צוואנציג מצות, איז חוץ לדרך הטבע. און דאס איז שוין געווען אחרון של פסח, און כל שכן ביים סדר איז א מצוה מן התורה צו עסן. איז מען מוסיף אויף די מצוה און מען עסט מער.

**רבינו:** ביים סדר האט ער נישט געקענט, ווייל ער האט געדארפט עסן די אפיקומן, עס זאל נישט זיין קיין אכילה גסה.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ער האט געגעסן אפשר פאר חצות אויך, האט ער זיך געמוזט צואיילן.

*

**הגה"צ מסערדאהעלי:** איך האב היינט געהאט א אינטערעסאנטע שאלה, יעצט פאר מנחה, איך האב נאכנישט געהאט קיין צייט מעיין צו זיין. א רב האט געפרעגט, אז לויטן היינטיגען מצב, טאמער מען וועט מוזן טאנצען די הקפות אויפן גאס, ווייל מען וועט נישט לאזן טאנצען אין בית המדרש, צו מען

מעג ארויסטראגען די ספר תורה. האב איך געזאגט אז איך דארף ארײנקוקען דערין, אבער אויבן אויף דארף מען מעגן. ווייל דאס וואס עס שטייט אז מען טאר נישט, איז ווייל עס איז נישט א כבוד פארן ספר תורה אז מען זאל עס טראגען צו א מענטש. צו א אדם גדול קלערן זיי אריין אפשר יא, גוט (עיין בשו"ע או"ח סימן קל"ה סעיף י"ד ובנו"כ שם). דא אבער איז לכבודה פונעם ספר תורה. מען לאזט נישט טאנצן אין בית המדרש, און זיי ווילן מכבד זיין די תורה, און טאנצן מיט די תורה, גייט מען אויף א מקום מרווח און אזוי. ווען מען ברענגט דעם ספר תורה, דאס איז די זעלבע הייליגע ספר תורה, עס האט די זעלבע קדושה ווען עס ליגט ביי יענעם אין שטוב, און מען ברענגט עס, און מען טראגט עס אפאר גאסן, און מען טאנצט דערמיט וכדומה, הייסט עס נישט בגדר פון דעם איסור. ער טראגט עס נישט ארויס פאר אײנעם מכבד צו זיין, מען וויל דאך נאר טאנצן דערמיט.

**הגרח"א מאנדלאוויטש:** עס שטייט אין הלכה אז מען איז מער מקיל שמחת תורה צו טראגען א ספר תורה.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** כדי צו טאנצען?

**רבינו:** כדי עולה צו זיין.

**א' מהנוכחים:** ביי א הכנסת ספר תורה ברענגט מען ארויס אלע ספרי תורה אויפן גאס, כדי מקבל פנים צו זיין.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דאס איז כבוד פונעם ספר תורה ממש, דא איז נאר צו טאנצן מיט די ספר תורה. מיט צען יודען קענסטו טאנצן אין בית המדרש אויך, ער וויל טאנצן מיט פופציג יודען, צו מיט הונדערט יודען.

**הגר"ב כ"ץ:** די אנדערע פופציג יודען דארפן אויך האבן וואו צו טאנצען.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אויך אמת.

**רבינו:** מען האט יעצט באשריבען הרב ביק, עס איז געווען די יארצייט, אז ווען ער האט געוואוינט אין די בראנקס, האט ער שמחת תורה נישט געהאט קיין פלאץ ביי זיך אין בית המדרש פאר די הקפות, האט מען צוגעשפארט די גאס, און מען האט געמאכט די הקפות אויף די גאס. ער האט געהאט אזא ציבור, אז עס איז נישט געווען קיין פלאץ אין בית המדרש, האט מען אפגעשפארט די גאס. עס שטייט נישט דארט צו מען האט ארויסגעברענגט די ספרי תורה, עס איז מסתבר אז מען האט ארויסגעטראגען די ספרי תורות, מען דארף פרעגן ביי די אייניקלעך.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דער שווער האט מיר דערציילט, ער פלעגט צו דאווענען ביי אים. ער איז געווען א שיינער טאנצער, איך האב אים געזעהן טאנצען ביי די חתונה פון זיין איידעם. און שמחת תורה זענען געקומען קינד און קייט, און ער האט געהאט צער דערפון, אז עס קומען פראסטאקעס. האט ער איין שמחת תורה אויסגערופן, אז מען גייט מאכן די הקפות צען אזייגער, עס זאל זיין צייט נאך די סעודה, דער עולם זאל קענען קומען. נאכן דאווענען האט ער אפגעמאכט אלע הקפות ביי זיך אין בית המדרש, און מען איז געקומען צען אזייגער איז שוין געווען נאך אלעם.

**רבינו:** ער האט עס איינמאל אויספראבירט, האט ער געזעהן אז עס איז בעסער די אנדערע וועג...

**הגה"צ מסערדאהעלי:** פונעם **סאטמארער רבי'ן** איז דא א ווארט, ככ"ר זו טהור או טמא (שבת קלה:), מען ווייסט נישט ווער עס שטייט און קוק"ט, צו ער איז טהור אדער נישט. מען קען קיינמאל נישט וויסן דאס.

**הגר"ב כ"ץ:** ביי א תענית ציבור האט מען אויך מוציא געווען די תיבה לחוץ.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס שטייט דארט דער טעם כלי צנועה היתה ונתבזה בעוונינו. מוציאין את התיבה לכבודה של עיר.

**הגרא"א כ"ץ:** איינער זאגט דא, אז עס איז נישט דומה, ווייל דארט איז עס געלעגן אינעם ארון הקודש.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס קען זיין, אבער די ראיה איז, אז ווען איך טוה עס פאר די צורך פון די זאך אליין, און נישט פאר די כבוד פון א בשר ודם, נאר דארט פאסט עס נישט פארן ספר תורה [שמטלטלו לכבוד בשר ודם]. פאר א מלך פלעגט מען אויך ארויסצוגיין מיט א ספר תורה.

**רבינו:** מען האט געשריבן דארט אין די באשרייבונג אויף הרב ביק, אז שפעטער מיט יארן איז געווען איינער א גרויסער עושר, וואס האט געגעבן אסאך געלט פאר מוסדות התורה, כאטש ער איז נישט געווען אזא... און ער האט געזאגט, אז ער האט געזעהן הרב ביק טאנצן שמחת תורה אויף די גאס. אז א יוד קען אזוי שיין טאנצען פאר די תורה, האט ער א געפיל צו געבן געלט פאר תורה. - עס האט אויפגעטון, ככ"ר זו טהור.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** איך האב אים געזעהן ביי א חתונה פון זיינס א קינד, ער האט זייער שיין געטאנצט. ער האט נישט געמאכט קיין קונצן. דוד המלך היה מפזז ומכרכר (שמואל ב ו), דער פסוק

רעכנט עס אויס פאר א גרויסע כבוד פארן אייבערשטען. מיכל האט נעבעך דערלייגט, זי האט אים מבזה געווען, און זי האט געהאט א עונש.

**רבינו:** איך האב געזעהן א פלא אינעם **רמב"ם** (הל' לולב פרק ח' הי"ד), ביי אונז שטייט אין די גמרא (סוכה נא.) חסידים ואנשי מעשה היו מרקדים, אין רמב"ם שטייט אז חכמי ישראל וסנהדרין וראשי הישיבות די זענען געווען וואס האבן געטאנצט ביי שמחת בית השואבה, וכל העם אנשים ונשים רואים ושומעים. ער שרייבט נישט 'ומנגנים'. פאר דעם שרייבט ער אז ווער עס האט געהאט א כלי שיר האט געזינגען, וכל מי שיודע בפה, ער האט געקענט זינגען מיטן מויל, ער איז א בעל מנגן, האט ער געזינגען.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** מען האט אים מכבד געווען מיט א ניגון? אדער ער האט סתם געזינגען פארן אייבערשטען.

**רבינו:** מן הסתם זענען זיי ארויפגעגאנגען זינגען דארט וואו עס זענען געווען די כלי שיר, דארט האבן זיך אלע זינגערס אויך צוזאמגענומען, און זיי האבן געזינגען בפה. וכל העם, די איבריגע, יעדער האט א מויל, יעדער קען זינגען, רואים ושומעים, די איבריגע האבן נישט געזינגען. עס זענען געווען בעלי מנגנים, און די בעלי מנגנים איינער קען מיט א שיר, און איינער קען מיט א נבל, און איינער קען מיט א מצלתים, יעדער האט געהאט זיין פאך מיט וואס ער האט געקענט. און די וואס קענען זינגען מיטן מויל, זיי זענען גוטע בעלי מנגנים, האבן זיך צוגעשטעלט צו די קאפעליע ווי מען זאגט, וכל העם רואים ושומעים[ג].

**הגה"צ מסערדאהעלי:** איך האב געמיינט אז יעדער האט געזינגען, אבער עס שטייט טאקע 'כל שיודע בפה'. - מען זעהט דארט אינעם הייליגען לשון פונעם רמב"ם אז מען לאזט נישט צו יעדן. ער וויל אויך טאנצן מיט די תורה, ווילסט טאנצען מיט די תורה, לאמיר זעהן א גאנץ יאר לערנסטו?, יעצט ווילסטו טאנצן מיט די תורה, מהיכא תיתי, מען האט אים נישט צוגעלאזט. עס איז נישט געווען קיין תורה דארט אין בית המקדש, מען האט נאר סתם אזוי געטאנצט פארן אייבערשטען, און ער וויל טאנצן פארן אייבערשטען אין א מקום קדוש. גבולות חלק הקב"ה בעולמו.

*

**הגה"צ מסערדאהעלי:** וואס וועט זיין מיט די גזירות?

**רבינו:** אז מען וועט טאנצן וועט מען עס מבטל זיין. בשעת'ן טאנצן וועט מען עס זיכער מבטל זיין..., מען האפט נאר אז עס וועט בטל ווערן שפעטער אויך.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס שטייט אין **דברי דוד**, עס איז א קראנט ספר פונעם **טשארטקובער**, שרייבט ער דארטן, אז א יוד האט געדארפט א גרויסע ישועה, עס זעהט אויס ווענן תפיסה, און די חסידים האבן געטאנצט איין מוצאי יום טוב, און ער איז געשטאנען און צוגעקוקט. און דער חסיד האט פארשטאנען אז עס איז א עת רצון, און ער איז צוגעגאנגען צום רבי'ן, אז דער רבי זאל אים אינזין האבן. זאגט ער אים, יעצט קומסטו צו מיר? אז דו וועסט טאנצן דא מיטן עולם וועסטו געהאלפן ווערן. דערציילט ער דארט א מעשה, אז ביים **רוזשינ'ער** האט איינער געטאנצט, און עס איז נתהפך געווארן די גזירה, איך געדענק נישט קלאר די פרטים. עכ"פ עס שטייט שוין דארט אזא ענין, אז ביים טאנצן קען מען מער פועל'ן.

**רבינו:** דער **בעלזער רב** האט געזאגט, אז די תפלות וואס האבן נישט געהאט א עליה אין די הייליגע טעג ווערן נתעלה מיטן טאנצן.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** פז"ר קש"ב. איך ברענג צו אין **נחלי בינה** (דף שח) א לשון וואס מען קען עס כמעט נישט נאכזאגן, פונעם **קדושת יום טוב**, אז ווען א יוד הייבט זיך אויף א פוס צו געבן איין טאנץ שמחת תורה לכבוד די תורה, טוט ער מער אויף ווי אלע תפלות און בקשות וואס מען האט אויפגעטוהן אין די הייליגע טעג [איך געדענק נישט פונקטליך די לשון][ד].

---

[ג] וזה לשון הרמב"ם שם (הלכה יג-יד): והיאך היתה שמחה זו, החליל מכה ומנגנין בכנור ובנבלים ובמצלתים, וכל אחד ואחד בכלי שיר שהוא יודע לנגן בו, ומי שיודע בפה בפה, ורוקדין ומספקין ומטפחין ומפזזין ומכרכרין כל אחד ואחד כמו שיודע, ואומרים דברי שיר ותשבחות..., מצוה להרבות בשמחה זו, ולא היו עושין אותה עמי הארץ וכל מי שירצה, אלא גדולי חכמי ישראל וראשי הישיבות והסנהדרין והחסידים והזקנים ואנשי מעשה, הם שהיו מרקדין ומספקין ומנגנין ומשמחין במקדש בימי חג הסוכות, אבל כל העם האנשים והנשים כולן באין 'לראות ולשמוע' ע"כ.

[ד] וזה לשונו שם (מספר **צדיק כתמר יפרח** דף יב ד"ה וגם): סיפרו לי כמה תלמידים ששמעו מרבינו [**בעל קדושת יום טוב**] בימים אחרונים של סוכות, שאמר, כשאדם מגביה רגל אחת לרקוד בשמחת תורה, בזה מתקן יותר ממה שעשה מראש השנה עד אחר הימים טובים.

**רבינו:** נו, עס זאלן נתקבל ווערן די תפלות פונעם כלל ישראל לרחמים ולרצון.
**הגה"צ מסערדאהעלי:** מען זאל האבן א גוט קוויטל.
**רבינו:** א גוט געבענטשטע יאר, און א געזונט יאר, מיט אריכת ימים ושנים, דער אייבערשטער זאל געבן פארן גאנצן כלל ישראל, עס זאל זיין זמן שמחתנו אין אלע יודישע שטובער.
**וליוה את רבינו שליט"א בדרך צאתו, ונפרדו לשלום**

*

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לביקור חג אצל מחותנו **הגה"צ רבי יצחק אייזיק טירנויער שליט"א** אב"ד שומרי שבת.

*__מתוך השיחה:__*
**רבינו:** געווענליך סוכות טרעף איך זיך מיטן מחותן ביי אונז אין די סוכה, די יאר קומט נישט אויס, האב איך א געלעגענהייט צוריקצוקומען צום מחותן.
**אב"ד שומרי שבת:** מען קען נישט קומען צום מחותן, און עס פעלט דעם משם שואבין רוח הקודש, מען ווערט מוזן משלים זיין די השפעה.
**רבינו:** ווי אזוי שפירט מען זיך?
**אב"ד שומרי שבת:** בחסד וברחמים.
**רבינו:** מען רישט זיך אויף א חתונה (נישואי בנו הצעיר, עם בת בנו הגדול **הרה"ג רבי חיים שליט"א** מאנטווערפן).
**אב"ד שומרי שבת:** איך ווייס נאכנישט וואו. אונז שמועס מיר דא אין שטוב, אז ביים יונגסטן קינד טאמער איינער האט זיך נאכנישט אויסגעלערנט אז עס איז דא א מנהיג לבירה, דער רבונו של עולם פירט אלעס, איז אין רפואה למכתו. דער רבונו של עולם האט שוין אלעס אויסגערעכנט. דער רבונו של עולם ווייסט שוין אלעס, ער האט א פלאן אויף אלעם פונקטליך, נאר וואס דען, אונז ווייס מיר נישט, אבער ער ווייסט אלעס, וואו עס ווערט זיין. עס דארף צו זיין אין אנטווערפן, דארט ווי חיים וואוינט. אז מען ווערט קענען פארן ווערט מען פארן, און אז מען ווערט נישט קענען פארן ווערט עס זיין דא. מען ווערט זוכען וואו עס צו מאכען. אין **שמן ראש** איז דא זייער אסאך תורות וואס ארבעטן אויף דעם ענין פון אמונה. אז א יוד דארף ארבעטן אויף זיך און גלייבן.
אין איין פלאץ שטייט אין שמן ראש, אז אמונה האט דריי מדריגות, היה הוה ויהיה, דעם שם הוי"ה. דער היה און די יהיה, וואס אויף דעם ווייזען די אותיות י"ה, דאס איז גרינגער. אבער דער הוה, וואס איז מרומז אינעם ו"ה, צו לעבן מיטן הוה, און גלייבען אז דער הוה איז אויך אלעס אז דו האסט א מנהיג, אויף דעם דארף מען ארבעטן. און היינט פעלט דער ו"ה, כי יד על כס י"ה (שמות יז-טז). תוספות (ברכות ג.) ברענגט איין פשט אויף יהא שמיה רבה, אז 'יהא שמיה', דער שם י"ה, זאל ווערן 'רבה', עס זאל צוקומען די ו"ה.
דער **סאטמארער רבי** פלעגט זאגען הושענא רבה, הושענא אז עס זאל ווערן רבה, לויט דעם תוספות, יתגדל ויתקדש שמיה רבה. דארט אין שמן ראש איז דא מוראדיגע שיינע בחינות.
**רבינו:** אמאל איז עס געווען א' ב'.
**הרה"ג רבי יהושע:** דער טאטע האט איינמאל פסח גערעדט וועגן דעם, אז די דריי מצות, וואס זענען מיכלא דמהימנותא, זענען רומז אויף היה הוה און יהיה. צוויי מצות זענען גאנץ, אקעגן היה און יהיה, און די מיטלסטע מצה צובראכט מען, ווייל דאס איז אקעגן הוה. סוכות האט מען אויך אמאל גערעדט, אז שתים כהלכתן, דער היה און יהיה, דאס איז גרינג, ושלישית אפילו טפח (סוכה ו:), די דריטע מדריגה איז שווער צו טרעפן א גאנצע.
**אב"ד שומרי שבת:** דער מחותן טייטשט דארט, לא נתקררה דעתו של איוב עד שלא ראה שתים כהלכתן ושלישית אפילו טפח, ווייל עס איז אים שווער געווען די אמונה, און ער האט געזעהן אז ביי די שלישית איז אפילו א טפח אויך כשר, דער הוה, און ער האט זיך אלץ מתרעם געווען, אזוי זאגט דער מחותן (עיין **שמן ראש** לסוכות ח"ב דף מא).
**רבינו:** דער מחותן וואלט אויך געדארפט אנהייבן ארויסצוגעבן.
**אב"ד שומרי שבת:** וואו קום איך צו, איך זאגט נאר נאך.
**רבינו:** מען זאגט דאך אליין אויך.
**אב"ד שומרי שבת:** דער מחותן זאגט אויף א אנדערע פלאץ, לעיני כל ישראל, בראשית, אז דער למ"ד איז לימוד, אז דער לימוד דארף מען אויך אריינגעמען אינעם 'בית'. פונעם שמחת תורה דארף מען אריינעמען אין שטוב.
**רבינו:** פונים מסוכה אל ביתם לישב.
**ונפרדו לשלום**

*

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לביקור חג אצל מחותנו **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א.**

***וזה תוכן השיחה:***

**האדמו"ר ממונקאטש:** ווי אזוי גייט דער יום טוב, עס איז דאך זמן שמחתינו.

**רבינו:** די גמרא (שבת קמה:) זאגט, אז אין ארץ ישראל פלעגט זיין בולשת יעדן יום טוב[ה], אונז האב מיר עס ליידער דא אויך יעצט.

**האדמו"ר ממונקאטש:** איך האב געהערט נאכמיטאג בשם דעם פרעזידענט, אז ווען ער האט געהערט דערפון, האט עס אים דערמאנט די צייטען פון די יודען ביים ימ"ש דארט, ביי די וועלט מלחמה... א גוי זאגט דאס. - מען זעהט דאך ווי דאס איז פון די מוסרים, ער ווייסט צו זאגן אז צען מענטשען יא, ער ווייסט אז עס איז דא אזא זאך ווי א מנין, און מען דארף צען מענטשען, ער האט דאס דאך נישט אליין אויסגערעכנט, ליידער וואס זאל מען טוהן, אזוי איז געווען אין מצרים אויך (שמו"ר א-ל), און דער אייבערשטער האט געהאלפן. דער אייבערשטער זאל מציל זיין, די סוכה איז דאך מגין ומציל, זאל מען פון די גזירות אויך פטור ווערן.

**רבינו:** ווי אזוי שפירט מען זיך?

**האדמו"ר ממונקאטש:** ברוך ה'. היינט הערט מען דאך פון די מגיפה ווי אזוי מען רופט עס, מענטשען קומען נישט ארויס פון מחלות נעבעך, מען דארף זיך פרייען אויף די חסד אשר עשית עמדי, דעמאלס האט מען נאכנישט געוואוסט וואספארא חסד דאס איז, מען האט געוואוסט מען קומט ארויס, יעצט זעהט מען דעם חסד וואס איז געווען.

**רבינו:** א גרעסערע חסד איז, אז מען קומט נישט אן דערצו, דאס איז נאך א גרעסערער חסד.

**האדמו"ר ממונקאטש:** דאס איז שוין לעושה נפלאות גדולות לבדו (תהלים קלו-ד), דער מענטש ווייסט דאך נישט. די **זוהר הק'** (ח"ג ר:) זאגט דארט, וואס איז לעושה נפלאות גדולות לבדו, איז דען סלקא דעתך אז דער אייבערשטער זאל דארפן עמיצער וואס זאל אים העלפן. זאגט ער, אז עס אדורכגעגאנגען א נחש, און ער האט דיר נישט געביסן, ער האט קיינמאל נישט געזעהן דעם נחש, ער וואלט גארנישט געוואוסט, אבער דער אייבערשטער ווייסט די נפלאות. א מענטש ווייסט ניטאמאל וואס מען טוט אלץ, דאס איז לבדו, נאר דער אייבערשטער ווייסט אז עס איז דא נפלאות. אזוי איז ביי יעדע מענטש ווען מען גייט אריין אין שפיטאל, און מען קומט ארויס.

אין הלכה זעהט דאך אויס האבן די הייליגע חכמים געוואוסט, אז גומל זאל מען נישט בענטשען ביז מען איז אינגאנצען געזונט. זיי האבן געוואוסט אז עס בלייבט שיריים, יסורים און מכאובים. די מחלה יעצט זאגט מען, אז אכט וואכן געדויערט עס ביי א געווענטליכער מענטש אז עס זאל ארויסגיין אינגאנצן, עס איז א חסד אז מען ווערט ניצול.

**רבינו:** איך האב געהערט אמאל פונעם **קלויזענבורגער רב זכרונו לברכה**, האט ער געזאגט, אז דער **צאנזער רב** איז נישט געזונט געווען אמאל, און עס איז אוועק די מחלה פון אים, און וואכן שפעטער ווען מען האט שוין פארגעסן אז ער איז געווען נישט געזונט, האט ער ערשט גומל געבענטשט (הובא **בשו"ת דברי יציב** או"ח סימן פו). זעהט אויס אז ער האט נאך געשפירט א חולשה ביז דעמאלטס, האט ער געווארט עס זאל אינגאנצן אוועקגיין.

**האדמו"ר ממונקאטש:** דער **צאנזער רב** ווען ער איז געווען געזונט איז ער דאך אויך געווען א חלוש, מיט די פיס, מען פארציילט דאך אזעלכע פלאות, עס פלעגט רינען בלוט.

**בנו הגה"צ ראש ישיבת מונקאטש:** אין **דברי תורה** (א-י) ברענגט דער **מנחת אלעזר** דעם ווארט פונעם **רבי'ן פון לובלין**, אז לאה האט געזאגט (בראשית כט-לה) הפעם אודה את ה' ותעמוד מלדת, ווייל ווען מען געט הודיה פארן אייבערשטען, דארף מען בעטן אויף ווייטער, לאה האט נישט געבעטן, איז געווען ותעמד מלדת. אין **מאור ושמש** (פ' ויצא עה"פ הפעם אודה) שטייט אויך דער ווארט בשם דעם **רבי'ן פון לובלין** מיט א קנייטש אנדערש. דער מאור ושמש ברענגט, אז וויבאלד מען קען דאך נישט גומל בענטשען ווילאנג די מחלה איז נישט אינגאנצען אוועקגעגאנגען, ממילא קומט אויס, אז ווען א יוד דאנקט דעם אייבערשטען, און ער בעהט נישט אויף ווייטער, זעהט אויס כאילו ער דארף שוין נישט אנקומען צום אייבערשטען, די מחלה איז דאך שוין פאריבער, דאס איז דער קטרוג, ממילא דארף מען

---

ה) בגמרא שם: מפני מה מועדים שבבבל שמחים [יותר מבארץ ישראל], מפני שלא היו באותה קללה, דכתיב (הושע ב-יג) והשבתי כל משושה חגה חדשה ושבתה וכל מועדה וכו'. ואין לך כל רגל ורגל שלא באתה בולשת [חיל המלך] לצפורי, ולא בא לטבריה אדמון וקמטון ובעל זמורה [לבוז ולהטיל עליהם עול] ע"כ.

אלעמאל בעטן אויף ווייטער, אז מען דארף נאך ווייטער אנקומען צום חסד ה'.

**רבינו:** איך האב געזעהן שטיין אמאל א מעשה, אז עס איז געווען א יוד וואס איז געקומען דאווענען אין בית המדרש, און האט געברענגט תיקון. האט מען אים געפרעגט צו ער האט א יארצייט צו וואס, זאגט ער ניין, ער איז אדורכגעגאנגען די גאס, און א קאר האט אים ל"ע אוועקגעקלאפט, און ברוך ה' ער האט זיך אויפגעהויבן געזונטערהייט, אויף דעם ברענגט ער תיקון אין בית המדרש. דעם אנדערן טאג קומט א צווייטער איד און ער ברענגט אויך תיקון. פרעגט מען אים, צו ער האט יארצייט. זאגט ער ניין. עס האט עפעס פאסירט ביי דיר, זאגט ער ניין. נו, וואס איז דער תיקון. זאגט ער, איך גיי שוין צוואנציג יאר אויף די גאס, און עס האט מיר גארנישט פאסירט, דארף איך דאנקען דעם אייבערשטען.

**האדמו"ר ממונקאטש:** עס איז א אמת'דיג ווארט דאס, לעושה נפלאות גדולות לבדו, דער אייבערשטער ווייסט וויפיל מאל ער האט אים געהיטען אז עס זאל נישט קומען אויף אים. די אמת איז, יעדע נסיעה וואס מען פארט זאגט מען דאך תפלת הדרך, מען פארט קיין מאנרא, אפילו אפשר קיין מאנסי אויך, מען פארגעסט זיך אסאך מאהל וויפיל חסדים דאס איז.

**רבינו:** מען זאגט ביים דאווענען, ועל נסיך שבכל יום עמנו, מען זאגט א לשון 'נס'.

**האדמו"ר ממונקאטש:** מען זאגט ערב ובקר וצהרים, וואויל איז דער וואס בלייבט איבער, און ער קען דאס פארציילען, דאס איז א חסד בפני עצמו, נישט יעדער איז זוכה צו דעם. מען זאגט דאך דעם נוסח הגומל לחייבי"ם טובות, א לשון רבים, וואס האט ער מיט אנדערע חייבים. נאר ער זאגט, עטס זעהטס דאך אז איך בין געהאלפן געווארן, ער איז דאך פון די חייבים, וועט דער אייבערשטער העלפן אנדערע אויך.

**רבינו:** רבי יוחנן האט דאך געזאגט דין גרמא דעשיראה ביר (ברכות ה:).

**האדמו"ר ממונקאטש:** עפעס זאגט מען נאך אויפן **חידושי הרי"ם**, ער האט ל"ע - אויף קיין שום יודיש קינד געזאגט - פארלוירען א געוואלד מיט קינדער, צען צוועלף קינדער. ער האט עס תולה געווען אויף דעם וואס ער איז אוועק פון **רבי משה'לע קאזשניצער**, אזוי ברענגט מען, אז ער פלעגט פארן צום קאזשניצער מגיד'ס זוהן רבי משה'לע, עס איז געווען אביסל לעת זקנתו, האט ער געהאט געזאגט א גימטריא, און ער האט זיך דערמאנט אז די גימטריא שטימט נישט, איז ער געווארן זייער... עס האט נישט געשטימט די גאנצע תורה, זעהט אויס ביי צדיקים געשעהט דאס אויך. און דער חידושי הרי"ם איז דארט געזעצן, און ער האט געזאגט, מיט וויפיל שטימט עס נישט כמנין צדי"ק, דער רבי איז עס משלים, אז דער צדי"ק זאגט אזוי איז ער דאס משלים. עס איז זייער א שארפע מעשה, איז געגאנגען דער **קאזשניצער מגיד** און האט אים געגעבן א קוש אין שטערן, דו האסט מיר מחיה געווען. און זייט דעמאלס איז ער מער נישט געפארן אויף קאזניץ, ער זוכט נישט א רבי וואס זאל אים קושן אין שטערן, ער זוכט א רבי וואס זאל אים... דאס איז די שארפע קאצקער דרך.

צו וועגן דעם אבער נישט וועגן דעם, האט ער פארלוירן כמעט אלע קינדער, אויסער א אייניקל איז געבליבן דער **שפת אמת**, דורך זיין זוהן **רבי אברהם מרדכי**, און שבת נאכדעם וואס ער האט פארלוירן דאס לעצטע קינד, האט ער זיך נישט געקענט צוריק האלטען פון וויינען, און ער האט געוויינט. איך ווייס נישט צו מען האט אים געפרעגט, צו ער האט אליינס מסביר געווען, עס איז דאך שבת, ער האט נישט געוויינט וועגן דעם קינד פשוט, ער האט געוויינט אז יעצט איז אים בטל געווארן די מצוה פון 'ושננתם לבניך'.

הגם דער **מנחת חינוך** (מצוה תיט) זאגט, אז ביי אן אייניקל איז אויך דא, אין די גמרא אין קידושין (ל.) איז אזוי משמע, אבער אזוי גייט די מעשה.

**ר"י מונקאטש:** בנו איז דאך קודם לבן בנו (רמב"ם הל' תלמוד תורה א-ב), דער קודם האט אים געפעלט.

**האדמו"ר ממונקאטש:** יא, דער לכתחילה 'ושננתם לבניך' האט ער פארלוירען.

**וכיבד את רבינו שליט"א לברך על היין**

**האדמו"ר ממונקאטש:** סתם אזוי איז דאך דא א שאלה אויף וויין צו מען מאכט א ברכה לישב בסוכה, איך האב געהערט פון רבי חיים בער [ז"ל משב"ק אדמור"י מונקאטש], אז ווען ער איז נאך געווען משמש ביים **דרכי תשובה**, האט זיך דער דרכי תשובה מונע געווען פון צו טרינקען וויין, וועגן די ספק צו מען מאכט א לישב בסוכה. און איינמאל איז געקומען א וויזיט חול המועד דער **סוואליע'ווער רב**, און ער האט אים מכבד געווען מיט וויין, און דער סוואליעווער רב האט געמאכט א לישב בסוכה. פון דעמאלס אן האט דער דרכי תשובה אויך אנגעהויבן

צו מאכן א לישב בסוכה. וואס דער **מנחת אלעזר** האט געטון ווייס איך נישט. דער סוואליעווער רב איז געווען א גאון עולם.

**רבינו:** עס איז משמע אז דער סוואליעווער רב האט געטרינקען קודם פארן דרכי תשובה, ווייל אז דער דרכי תשובה וואלט נישט געמאכט, וואלט ער דאך אויך נישט געמאכט. [קען זיין אז דער דרכי תשובה איז שוין געווען אין די סוכה פארדעם, און ער איז ממילא נישט געווען מחוייב בברכה].

**האדמו"ר ממונקאטש:** עס איז דא א **ריטב"א** וואס זאגט אז מען זאל מאכן א לישב בסוכה, ווייל עס הייסט א קביעות ווען מען טרינקט יין.

**רבינו:** דאס איז נאר ווען מען טרינקט א רביעית.

**האדמו"ר ממונקאטש:** דאס איז גרעיפ דזשוס, מען קען אפשר טרינקען פון דעם א רביעית. רוב רביעית איז נישט גענוג ביי דעם. ביי קידוש איז דאך גענוג רוב רביעית. ביי לישב בסוכה דארף זיין א גאנצע רביעית, עס דארף זיין א קביעות.

**רבינו:** צו קידוש במקום סעודה דארף מען אויך א גאנצע רביעית.

**האדמו"ר ממונקאטש:** אין מונקאטש האט מען געטרינקען צוויי כוסות די ערשטע נאכט סוכות (שקידשו על הכוס תיכף אחר התפלה בסוכת הבית המדרש, ושתו ב' כוסות משום קידוש במקום סעודה).

**האדמו"ר ממונקאטש כיבד לרבינו לברך תחילה על היין ולא רצה, ואמר האדמו"ר שנכנס בשאלה אם לברך ברכת לישב בסוכה, ואמר רבינו בצחות:** נו מען וועט מיך מוציא זיין מיטן נישט מאכן א לישב בסוכה...

**האדמו"ר ממונקאטש:** לחיים ולברכה, דער אייבערשטער זאל העלפן, אורך ימים אשביעהו ואראהו בישועתי, להגדיל תורה ולהאדירה, און קענען פועל'ן פאר יודען ישועות און רפואות.

**רבינו:** אמן. דער רבי זאל אויך זיין געזונט און שטארק, מיט לאנגע געזונטע יאהרן, און קענען מרחיב זיין גבולי הקדושה מיט הרחבת הדעת, מען זאל זיך קענען צוזאמקומען מתוך שמחה פרייליכערהייט, עס זאל שטענדיג זיין זמן שמחתינו ביי אונז אלע.

**וליוה את רבינו בדרך צאתו, ונפרדו לשלום**

*

***ערב שבת קודש - הושענא רבה***

בשעה עשר נכנס **רבינו שליט"א** לבית המדרש לקריאת משנה תורה, ועמד ליד הבעל קורא וקרא מתוך הספר תורה במשך כל זמן הקריאה. אחר הקריאה חזר לביתו, והמשיך באמירת תהלים. אחר כך אגד **רבינו שליט"א** את ההושענות בעלי לולב, ונטל ידיו לסעודה.

ביום הושענא רבה ניגש **רבינו שליט"א** לפני התיבה לאמירת הלל והושענות. לפני אמירת ההלל הסיר הטבעות מהלולב, ונתן טבעות הלולב על אצבעותיו כמנהג בית אבותיו.

אחר תפלת המוספין הצטופפו קהל רב מאנ"ש לקבל עלי הערבה מידו של **רבינו שליט"א** לסגולה ולהצלחה. גם חילק **רבינו שליט"א** טבעות הלולב לכמה מבחורי אנ"ש.

*

***ימי שמיני עצרת ושמחת תורה***

הימים האחרונים של חג בצל קדשו של **רבינו שליט"א** היתה חטיבה אחת של התרוממות הנפש, ושמחה וחדוה עילאה בה' ובתורתו הקדושה, הדרא דלא אפשר למיפרט בשפוותא.

בלילי החג אחר תפלת מנחה השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש, ודברי הכנה בגודל קדושת היום, אשר אין בה שום מצוה אחרת רק שמחה, והשמחה נתעצם ביותר אחר שישבנו בצלא דמהימנותא לחסות בצל הקב"ה, אשר באמונה טהורה שהכל מושגח מפי עליון, נעשה האדם שמח וטוב לב, ומרגיש כי בן מלך הוא, שבודאי יסדר לו כל צרכיו לטובה.

בליל שמחת תורה נשא **רבינו שליט"א** מדברותיו בדברי אגדה המושכים את הלב, לבאר מקראי קודש שבנביאים, שמתאר שמחתו של דוד מלך ישראל שהיה מפזז ומכרכר בכל עוז בהעלותו את ארון ברית ה'. ודיבר בעצם מדת השמחה, שידוע שבכח שמחה של מצוה במדה גדושה, זכה מרן **האר"י הק'** לעוצם מדרגותיו, וזה נשפע בעת שהאדם שמח בכל לבו ונפשו בשמחת התורה, ולכן זכה דוד המלך למדרגות נפלאות להיות מרגלי המרכבה, בשביל שמחתו בה' תמיד בשירות ותשבחות.

*

אחר תפלת מעריב בלילי החג ניגש **רבינו שליט"א** לפני התיבה לאמירת פסוקי אתה הראת וכו', וערך את סדר

ההקפות בלהט קודש, כאשר קהל הקודש אותו כחומה מסבבים, ולצדם בחורי חמד וילדי צאן קדשים על מקומותיהם במעלות ההיכל, כולם רוגשים ומתרוממים בעוז ותעצומות, בעת אשר בו ירוץ צדיק ונשגב בעבודה עילאה, לשוש ולשמוח בשמחת התורה.

מה נהדר היה מראה כהן גדול בריקודין הנלהבים, כאשר **רבינו שליט"א** מפזז ומכרכר בכל עוז. ובריקודין עילאין בניגוני 'ואמר ביום ההוא הנה אלקינו זה וכו', 'יראו עינינו וישמח לבנו ותגל נפשינו בישועתך באמת', 'וידעו כי אתה שמך ה' לבדך', 'אנא עבדא דקודשא בריך הוא'. ובספר תורה הכרוך בזרועו מנענע בנענועי קודש לצידי ההיכל בהקפה השישית (חוץ מליל שמיני עצרת שחל בשבת), בעוד שבין ההקפות מושרים ניגוני דביקות והתעוררות, בגעגועי אהבה להשי"ת, ובפרט ברגשי בכי והתעוררות בשירת ניגוני חב"ד עתיקים, ניגון ד' בבות, ניגון הכנה, ובניגון אהבה רבה (להרה"ק מהרצ"ה מרימנוב זי"ע) ועוד, אשרי עין ראתה כל אלה.

בהקפות השביעית בלילי שמיני עצרת ושמחת תורה, רקד **רבינו שליט"א** עם מאות ילדי התשב"ר צאן קדשים, בעוד שהציבור מזמרים ומטפחים במחיית כפיים, בתפלת 'זרעא חיא וקיימא זרעא די לא יפסוק ודי לא יבטול מפתגמי אורייתא'. וביום שמחת תורה בהקפה השביעית רקד **רבינו שליט"א** עם בחורי אנ"ש בניגון 'אנא עבדא דקודשא בריך הוא', והשירה התגברה בריקוד נלהב ומרומם, כאשר **רבינו שליט"א** מזמר הניגון 'אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל' בדביקות עצומה, וכל הקהל עונים אחריו פיסקא בפיסקא בשמחה ובהתרוממות הנפש. אחר כל ההקפות ביום ובלילה בירך **רבינו שליט"א** את כל הקהל בפסוקי 'ברכת כהנים' באהבה ובקול רם, ואמר כל העם אמן הללוי-ה.

*

ביום שמיני עצרת בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **נחמיה פייערווערקער** הי"ו. - לתפלת מוסף וגשם ניגש **רבינו שליט"א** לפני התיבה. - אחר התפלה התקיים קידושא רבה לכבוד השמחה.

ביום שמחת תורה עם סיום ההקפות עלה **רבינו שליט"א** לתורה בקריאת פרשת וזאת הברכה, ואחר הפסקה קצרה לקידוש היום, התקיים קריאת החתנים בבית המדרש. **רבינו שליט"א** עלה ל'חתן תורה' כנהוג.

בשעות הערב הסיב **רבינו שליט"א** לנעילת החג, כאשר קהל הקודש יחדיו משוררים ניגוני התעוררות ודביקות של ימים הנוראים, ובהתעוררות מיוחדת בעת שזימרו הניגון 'שימני כחותם' ברגשי בכי וגעגועי קודש, מה יפו פעמיך בנעלים.

אחר שזימרו ניגוני התעוררות לזמן ממושך, השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו בגודל קדושת ירח האיתנים שהאיר על כל רוח ונפש געגועין למהוי קמי מלכא, ולהתקרב לעשות רצון קונו באמת.

בסיום הדברים דיבר **רבינו שליט"א** על הזהירות בהשתמשות בכלי הטעכנאלאגיע. בחיוב קביעות עתים לתורה, ובשבח הלימוד במסגרת חבורת **'ובהם נהגה'** שע"י קהלתנו הק', ולהצטרף בלקיחת הבחינות מידי חודש בחדשו. לנצל השבתות קודש יומא דנשמתא, וגם לרבות בהתאספות בלילי שב"ק בשירות ותשבחות, והמשיך בדברים מיוחדים לבחורי הישיבות, לקבל עול התורה גם במצבים הקשים שעוברים כעת מצד שרי המדינה.

אחר אמירת דברות קודש עמד **רבינו שליט"א** בריקוד בניגוני שמחה, ובניגון 'בספר חיים', 'לשנה הבאה בירושלים'. אחר כך קיים **רבינו שליט"א** מנהג זריקת התפוחים לכל קהל הקודש, וחילק אגוזים כנהוג.

***<u>וזה תוכן הדברות קודש:</u>***

**יעדן** יום טוב איז א זמן פון קירוב פון א יוד צום אייבערשטען. די נאנטקייט וואס יעדער יוד האט צובאקומען אין משך פונעם יום טוב, לאזט זיך גארנישט זאגן, אז מען זאל דאס קענען שעצן, און יעדער יוד שעצט די הייליגע זמנים וואס מען האט געהאט. אבער יעצט איז די צייט מוציא צו זיין מן הכח אל הפועל, די אלע הרהורי תשובה, און די אלע גוטע מחשבות, וואס א יוד האט געהאט אין משך פונעם יום טוב. יעדער איינער האט זיך דאך זיין פעקל און זיינע ענינים, וואס ער ווייסט וואס זיין שוואכקייט איז, און בדרך כלל מאכט זיך יעדער א שטיקעלע חשבון אויף זיך אין די הייליגע טעג, און יעדער נעמט זיך פאר, כאטש עפעס א נקודה, מיט וואס ער גייט זיך בעסערן דעם קומענדיגן יאר.

**עס** גייט אדורך דער יום טוב, מען איז געזעסן בצלא דמהימנותא, מען געזעגנט זיך יעצט פונעם

אייבערשטען, עס איז א סעודה קטנה וואס אונז זיץ מיר צוזאמען מיטן אייבערשטען. מיר גייען זיך יעצט אפטיילן, און זיך געזעגענען, עס איז קשה עלי פרידתכם. מען דארף אבער געדענקען וואס אונז האב מיר צוגעזאגט פארן אייבערשטען. אונז האב מיר געבעטן פונעם אייבערשטען זייער אסאך, און מיר זענען זיכער אז דער אייבערשטער האט אנגענומען אלע אונזערע תפלות, און דער באשעפער וועט אונז געבן וואס אונז דארף מיר, אבער אונז טאר מיר נישט פארגעסן פון וואס אונז האב מיר צוגעזאגט פארן אייבערשטען. יעדער יוד האט זיך געהאט זיינע קבלות וואס ער האט זיך פארגענומען, און ער דארף זעהן עס מוציא צו זיין מן הכח אל הפועל.

**מען** רעדט דאך אייביג אז **דער נסיון פונעם דור איז דאך די אלע סארט טעלעפאונען**, און די אלע זאכן וואס איז פארבינדן מיט די היינטיגע וועג ווי אזוי מענטשן לעבן, און עס איז אלעס געוואלדיגע מכשולות. עס איז נישט דא קיין שום כלי פון די אלע, וואס זאל זיין כשר אויסגעהאלטן על צד היותר טוב, מען איז אלץ נאר בוחר הרע במיעוטו. אבער יעדער יוד דארף מאכן פאר זיך גדרים. וואס ער דארף נישט האבן קיין שייכות דערצו, דארף ער זעהן אפצוהיטן, און אכט געבן דערויף אז ער זאל נישט נכשל ווערן. יעדער איינער דארף נעמען פאר זיך די גרעסטע סארט גדר וואס ער קען אויף זיך נעמען, און זיין אפגעהיטן מיט די אלע כלים וואס מען דארף צו נוצען. מען דארף נעמען אויף זיך מוציא צו זיין מן הכח אל הפועל, מען האט דאך צוגעזאגט פארן אייבערשטען אין די הייליגע טעג.

**יום** כיפור איז נישט מכפר נאר לשבים. לשבים איז טייטש אז מען האט חרטה על העבר, און מען האט א קבלה על להבא. אויב עס האט געפעלט די קבלה על להבא, דעמאלטס איז דאך יום כיפור ח"ו נישט מכפר. נאך די הייליגע טעג דארף עס א יוד מוציא זיין מן הכח אל הפועל.

*

**לימוד התורה.** עס הייבט זיך אן יעצט ווינטער, מען דארף צוריקגיין צו די לימודים וואס מען האט געלערנט. יעדער איינער ווייסט די געוואלדיגע חשיבות פון קביעת עתים לתורה. עס איז א חיוב, עס איז נישט קיין הידור. **עס איז א חיוב צו קובע זיין א שיעור יעדן טאג צו לערנען.** היינט איז ב"ה דא חבורות, וואס מאכט גרינגער אז מען זאל קענען לערנען, מען זאל האבן די עול מיטצוהאלטן. ביי אונז אין די קהלה (בחבורת 'ובהם נהגה') ענדיגט מען די וואך מסכת מגילה, און מען הייבט אן מסכת ביצה, און ווער עס קען, זאל זיך מיטכאפן און זיין א חבר מיטצוהאלטן די לימודים וואס מען לערנט. עס קומט אויס אז מען דארף מסיים זיין במשך פונעם יאר, פיר קלענערע מסכתות (ביצה, מועד קטן, חגיגה, הוריות).

**דער עיקר איז צו נעמען בחינות!** נישט זיין צופרידן מיט דעם וואס מען לערנט און מען האלט מיט, נאר זיך לאזן פארהערן יעדן חודש אויף וואס מען האט געלערנט. איך האב כמה פעמים גערעדט, ווען א מענטש לערנט סתם אזוי א שיעור, און ער האט נישט קיין סיבה פארוואס ער זאל עס געדענקען, חזר'ט ער עס נישט איבער. ער האט אפגעלערנט דעם שיעור, און מארגן קומט א צווייטע בלאט גמרא. אויב ער דארף זיך שטעלן אויף א בחינה דערויף סוף חודש, לערנט ער אנדערש, ער וויל עס קענען בשעת ער לערנט עס, און ער חזר'ט עס איבער, און ווען ער גייט אויף די גאס, האט ער וואס צו טראכטן. ווען ער ליגט אין בעט, האט ער וואס איבערצוטראכטן די לימודים. ווען א מענטש נעמט א בחינה אויף דעם וואס ער האט געלערנט, איז זיין לערנען אן אנדערע סארט לערנען.

**איך** וויל מודיע זיין, אז דא ביי אונז וועט ר' בנימין פאפלאנאש זאל זיין געזונט צושטעלן חברותות פאר ווער עס דארף האבן. ווער עס האט עפעס סיי וואס עס האט צו טון מיט קביעות עתים לתורה, וועט ער צוהעלפן דערצו ער זאל עס מסדר זיין, צו האבן א חברותא מיט וועם צו קענען לערנען.

*

**איך האב א עקסטערע בקשה פאר די בחורים אין די ישיבות וואו מען לערנט.** יעדער התחלת הזמן הייבט זיך אן בדרך כלל מיט א שטארקע פרישקייט. מען גייט צוריק אין ישיבה, מען נעמט זיך לערנען. מען האט שוין אויסגעפירט דעם בין הזמנים ווי אזוי עס איז געווען, און מען גייט צוריק מיט א פרישן חשק צום לערנען. אונז שטיי מיר אין זייער א שווערע מצב אלץ די רעגירונג אויס, מען ווייסט נישט ווי

אזוי די זאך וועט זיך אנטוויקלען, לאמיר האפן עס וועט זיך אנטוויקלען אויפן בעסטן אופן. עס איז מעגליך אז עס וועט זיין אזוי ווי עס איז געווען בעבר, וואס די ישיבות וועלן נישט קענען אנגיין געהעריג מיט דעם וועג אזוי ווי מען איז געווען צוגעוואוינט אלע יארן. - **מען דארף מקבל זיין אויף זיך יעצט, עס איז נישט קיין נפקא מינה צו די ישיבה איז אפען, צו די ישיבה איז נישט אפען, צו די דארמיטארי איז דא, צו די דארמיטארי איז נישט דא. אזוי ווי א בחור אין די ישיבה האט זיינע זמנים ווען ער שטייט אויף, און זיין סדרי הלימוד איז אויסגעשטעלט ביז ביינאכט, אזוי דארף מען מקבל זיין אויף זיך, 'איך נעם אויף מיר אלע סדרים וואס מען גייט לערנען אין די ישיבה', עס איז נישט קיין נפקא מינה צו עס וועט זיין א מגיד שיעור, צו עס וועט נישט זיין א מגיד שיעור, צו עס וועט זיין חברותות, צו מען וועט קענען לערנען צוזאמען, צו מען וועט דארפן זוכן א פלאץ וואו מען זאל קענען לערנען. ווי אזוי עס וועט זיך אויסשטעלן, זאל עס אים נישט שטערן די לימודים.** אויב מען הייבט נישט אן דעם זמן מיט א פעסטקייט, מיט א פרישן חשק, דעמאלטס ווייסט מען נישט ווי מען וועט ענדיגן דעם זמן. מען דארף אנהייבן דעם זמן מיטן גאנצן פרישקייט, מיטן גאנצן חיות, איך וויל זיך פירן אזוי ווי עס וואלט אלעס געווען מסודר. מען וועט דאך אמאל עלטער ווערן, מען וועט ארויסגיין פון די ישיבה, מען וועט ממילא מוזן מאכן פאר זיך א געהעריגען סדר, אן א אחריות פון אנדערע ווי אזוי צו לערנען, און אזוי דארף מען מקבל זיין אויף זיך דעם עול תורה. ווען אונז וועל מיר מקבל זיין אויף זיך עול תורה, וועט דער אייבערשטער אויך געבן פאר אונז, אז אונז זאל מיר קענען לערנען מיט הרחבת הדעת.

*

**איך** האב געוואלט רעדן פון שבת קודש. יעדער ווייסט די געוואלדיגע חשיבות פון שבת, דער אוצר וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה (שבת י:). אמאליגע צייטן פלעגן זיך יודען צוזאמקומען שבת. אין הייליגע ספרים שטייט (ב"ר יא-ח), אז דער שבת האט געזאגט, לכולם יש בן זוג ולי אין בן זוג. זונטאג האט א מאנטאג, דינסטאג א מיטוואך, שבת איז א איינצעלנע טאג. האט דער אייבערשטער געזאגט, כנסת ישראל יהיה בת זוגך, כנסת ישראל זענען דער בן זוג פון שבת. די הייליגע ספרים האבן צוגעגעבן כנס"ת ישראל, דער כינוס פון יודען, וואס יודען קומען זיך צוזאם שבת, דאס איז בן זוגך.

**אין** אונזערע צייטן, דער עלטערער דור, זענען געווען צדיקים אין די שטאט, און פון צייט צו צייט איז מען זיך צוזאמגעקומען, צו עס איז געווען ביי א רבי'ן, צו ווען עס איז געקומען שבת, מען האט געזינגען זמירות, עס איז געווען א העכערער זמן פון די גאנצע וואך. אמאליגע צייטן איז געווען, אז אפילו דער רבי איז נישט געווען אין שטאט, זענען חסידים ואנשי מעשה זיך צוזאמגעקומען צווישן זיך, און מען האט געזינגען זמירות, און געזאגט דברי תורה, ווי דער סדר איז פון ערליכע יודען. עס איז ליידער כמעט בטל געווארן היינט דער ענין פון זיך צוזאמקומען פרייטאג צו נאכטס, זיך צוזאמקומען מיט א רבי'ן צוזאמען, עס איז נאר געבליבן אחד בעיר ושנים במשפחה. אונזערע קינדער וועלן אפילו נישט וויסן אז פרייטאג צו נאכטס דארף מען זיך צוזאמקומען. אין אזא מצב האלט מיר אונז.

**מען** דארף עס צוריק מחזק זיין, און צוריק מעורר זיין. מען רעדט נישט פון יעדע וואך, אבער **על כל פנים איינמאל אין א חודש זאל זיך יעדער יונגערמאן זוכן א פלאץ וואו ער קען זיך צוזאמקומען**, צו מאכן א חברותא פאר זיך, זיך צוזאמצוקומען, צו ער האט א גוטן יוד ווי צו גיין און צוזאמקומען. דער שבת דארף צו זיין א יומא דנשמתא, א טאג פון די נשמה. אויב דער פרייטאג צונאכטס גייט אדורך מיט שירות ותשבחות פארן אייבערשטען, איז דער גאנצער שבת'דיגער טאג אן אנדערער סארט שבת.

*

**מען ברענגט קינדער אין שול שבת.** אין אונזערע צייטן ווען מען האט געברענגט א קינד שבת אין בית המדרש, האט דער טאטע געהאלטן אן אויג אויף דעם קינד. דאס קינד איז געשטאנען נעבן דעם טאטען, יעדעס קינד האט געדאווענט וויפיל עס איז געווען שייך ער זאל קענען דאווענען, און דאס איבריגע האט מען געזאגט, דו קענסט דיך גיין שפילען. אבער יעדער טאטע האט געהאט דאס קינד נעבן זיך, וואס ביי א געוויסע חלק פון די תפלה איז ער געווען דארטן. **ביי קדושה און ברכו, איז נישט**

**געוועזן א זאך אז א קינד זאל זיין אינדרויסן! דו ברענגסט דיין קינד אין בית המדרש, ער דארף נישט זאגן ברכו, און ברוך ה' המבורך לעולם ועד?! דו דארפסט אים נישט אויסלערנען ער זאל זאגן קדושה?!** מען האט אלץ געקוקט ווען האלט מען שוין ביי קדושה, אז מען דארף אריינגיין שטיין ביים טאטען און זאגן קדושה.

**עס** איז געווארן אז מען האט אראפגעווארפן פון זיך דעם עול. מען ברענגט קינדער אין בית המדרש אז זיי זאלן זיך שפילן, און זיי זאלן מאכן א גערודער, כדי די מאמעס זאלן זיך קענען אויסרוהען אינדערהיים. עס איז טאקע חשוב אז מען ברענגט קינדער אין בית המדרש, און מען זאל ברענגען, אבער א שטיקל אחריות דארף מען האבן, אז א קינד זאל דאווענען. כאטש עפעס א חלק פון די תפלה, האלט דיין קינד נעבן דיר, און ער זאל דאווענען. **פארוואס זאל דיין קינד נישט זיצן ביי דיר ווען מען זאגט קדושה?! פארוואס זאל ער נישט מיטזאגן ווען מען זאגט ברכו?! פארוואס זאל ער נישט מקדש זיין דעם אייבערשטען'ס נאמען?! א קינד דארף מען אויסלערנען אז א בית המדרש איז געמאכט געווארן זיך צו שפילען?! א בית המדרש איז געמאכט געווארן צו דאווענען! יעדער דארף זעהן, אז ווען מען ברענגט יא א קינד אין בית המדרש, זאל דאס קינד זיין נעבן דעם פאטער כאטש ביי די חשובע תפלות.** אפשר וואלט מען געדארפט צוזאמנעמען, אז איינער זאל צוזאמנעמען אלע קינדער צוזאמען, ווי ביי אנדערע זאכן וואס מען נעמט זיך צוזאם, און געבן א געוויסן פרס פאר א קינד וכדומה, האלטן א חבורה פאר זיך, ווען מען זאגט קדושה וכדומה.

*

**אין אונזערע צייטן, האבן זיך ערליכע יודען געפידעט, אז שבת זענען קינדער געגאנגען אנגעטון מיט א ווייסע העמעדל, מכבד צו זיין דעם שבת.** א ווייס העמד איז א שבת'דיגע מלבוש. היינט איז געווארן אנדערש. א גרויס חלק פון קינדער קומען נישט מיט א ווייסע העמעדל, מען דארף דאך האבן די אוטפי"ט וכדומה צו ווייזן ווי אזוי דאס קינד איז אנגעטון. מען דארף מחזיר זיין עטרה ליושנה. ער קען זיין אנגעטון מיט וואס ער וויל, אבער דער העמד זאל זיין ווייס לכבוד שבת.

*

**מיר** גייען אריין אין א פרישן יאר, בעהט מען פונעם אייבערשטען, מיר זיצן ביי א סעודה קטנה, דער רבונו של עולם זאל אונז געבן כוחות הנפש, מען זאל קענען אדורכפירן דאס יאר ווי עס דארף צו זיין. עס זאל נישט זיין נתרחקנו מעל אדמתינו, מיר זאלן נעמען די כוחות וואס דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אין אונז, אנן בעינן למיהוי קמי מלכא, מיר ווילן זיין נאנט צום אייבערשטען, איך וויל זיין די ארץ וואס עס איז רצתה לעשות רצון קונה. איך גיי נישט נוצן קיין תירוצים אויף יעדער זאך, אז איך בין נישט אזוי ווי יענער, און איך קען נישט טון אזוי ווי יענער, און פארוואס האט מיך דער אייבערשטער באשאפן אין אזא מצב ווי איך בין. עס איז נישט קיין נפקא מינה, ארץ איז רצתה לעשות רצון קונה, עס האט געטון דעם רצון פונעם אייבערשטען. וואס דער אייבערשטער וויל, בין איך צופרידן! איך גיי דינען דעם אייבערשטען אין די אומשטענדן וואס דער אייבערשטער האט מיך אריינגעלייגט, און עס אינטערעסירט מיך נישט קיין שום זאך ארום און ארום.

**מען** זאל האבן אין זיך די כוחות פון די מים, וואס די מים איז משתוקק שטענדיג ארויפצוגיין צום אייבערשטען. און געדענקען אז דער מים איז נתפייס געווארן פון איינמאל וואס מען וועט טון מיט אים א מצוה, און עס איז געוועזן ביי איר כמוצא שלל רב, אז ער איז חשוב'ער פון די מים עליונים. מים עליונים קענען זיצן כלפי שמיא, אבער קיין מצוה מיט זיי קען מען נישט טון. מען קען נאר טון א מצוה אויף דער וועלט! וויסן די חשיבות פון יעדע מצוה, מחשיב צו זיין יעדע דבר טוב וואס א יוד טוט פארן אייבערשטען, און דאס טון מיט א פרייליכקייט, מיט א שמחה דינען דעם אייבערשטען.

**אז** אונז וועל מיר טון פארן רבונו של עולם וואס אונז האב מיר צוגעזאגט, איז זיכער אז דער אייבערשטער וועט אונז געבן זיינע הבטחות, אזוי ווי מען האט גערעדט (בליל שמיני עצרת) כאשר רצית ואמרת לברכנו, והיית אך שמח, דער אייבערשטער וועט געבן, אז אונז וועל מיר האבן א פרייליך יאר און א לוסטיג יאר. דער באשעפער זאל העלפן אז די מגיפהליידער וואס גייט ארום אין די וועלט זאל זיך אפטון, על כל פנים פון יודישע קינדער זאל עס

אוודאי אוועקגיין. עס זאל נישט געשעהן קיין שום נזק און קיין שום מכשול פאר קיין שום יודיש קינד.

**דער** באשעפער זאל געבן, אז אלע וואס דארפן האבן קינדער, זאל דער אייבערשטער אויפרעכטן מיט זרעא חיא וקיימא. אונז האב מיר דאך קינדער און אייניקלעך וואס דארפן אסאך סייעתא דשמיא, אז מען זאל זיך קענען פירן ערליך אין די היינטיגע דורות, דער אייבערשטער זאל אונז געבן די מעגליכקייטן, אונז זאלן מיר קענען מגדל זיין אונזערע קינדער ווי עס דארף צו זיין.

**אין** אסאך פלעצער איז שוואך געווארן די פרנסות לויטן זמן וואס מען איז אדורכגעגאנגען, דער באשעפער זאל מוסיף זיין כהנה וכהנה. דער באשעפער זאל געבן פאר יעדן יוד, שלא יצטרכו עמך בית ישראל זה לזה ולא לעם אחר, דער באשעפער זאל געבן מתחת ידו הרחבה, פון זיין ברייטע האנט זאל דער אייבערשטער משפיע זיין פאר אונז אלע, אלעס וואס אונז דארף מיר האבן. מען זאל זיין געבענטשט בבני חיי ומזוני רויחי מיט אלעם וואס מען דארף האבן.

**יודישע** קינדער מאכן דאך שמחות, מען דארף עקסטער מתפלל זיין, אז די שמחה זאל נישט צושטערט ווערן, א יעדער זאל קענען מאכן די שמחה מיט א רוהיג הארץ, אנדעם וואס עס זאל זיין א מכשול וואס פארשטערט די שמחות. דער אייבערשטער זאל העלפן, אונז זאל מיר האבן א גוט געבענטשט יאר, א פריילך יאר, און א לוסטיג יאר, מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שני פרשת בראשית - אסרו חג***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אברהם מאיר זיידענפעלד** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים התפלל **רבינו שליט"א** תפלת מנחה בבית המדרש סאמבאטהעלי. אחר התפלה נסע לשדה התעופה בדרכו לפאלם ספרינגס למנוחה.

*

***שבת קודש פרשת בראשית***

התפילות במשך שבת קודש התפלל **רבינו שליט"א** בבית המדרש חב"ד בעיר. וסעודה שלישית נערך בבית המדרש שע"י בית הרבני הנגיד הר"ר **מענדל שווימער** הי"ו.